STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00894

IN SI-GEYT BAYM YAM

Aliza Greenblatt

Permanent preservation of this book was made possible by
Martin Rome
in memory of
Jacob & Shirley Rome

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין סי־געיט ביים ים

עליזה גרינבלאַט

אין סיי־געיט ביים ים

פ אַ ר ל אַ ג ע ל י ז ה
ניו־יאָרק, 1957

IN SEA GATE BAM YAM

Copyright 1957, *by*
ALIZA GREENBLATT
3915 NEPTUNE AVENUE
BROOKLYN, N. Y.

געדרוקט ביי ברידער שולזינגער
Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS., LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.
253

מיין מאַמען, אין ליכטיקן אָנדענק

מאַמע, דו האָסט מיך געלערנט
דעם זין צו פאַרשטיין,
דעם זין פון מענטשלעכן לעבן;
דו האָסט מיר דעם גלויבן
אין מענטש געגעבן.

מאַמע, דיין שיינקייט,
דיין גוטסקייט, דיין חכמה,
דיין מתן בסתר,
וואָס דו האָסט געגעבן —
די לעצטע פון אַ דור,
רייך יידיש לעבן.

ברכה בת־ציון
אהרנזאָהן־ווייצמאַן
וואָס איז אוועק אין
דער אייביקייט
י"ב סיון, תשי"ז
בשעתן דרוקן דאָס
דאָזיקע בוך.

ישראל —

איך מיש די בלעטער
פון גאָלדענעם האַרבסט
און פיל דעם רייפן אַראָמאַט
פון אונדזער צוזאַמענדיק לעבן.

לבנה איז יונג ווי פֿאַראַיאָרן

צ י י ט

רייס אָפּ אַ שטיק פון צייט,
און נעם עס אויף דיין גומען,
און דערפיל ווי ווייט
ס'איז זיין אויסגעבענקטער נאָמען.

ברעך אָפּ אַ שטיק פון יאָרן,
בייס איין מיט דיינע ציין,
האַלט היילִיק אין זכרון,
אַלץ וואָס איז געווען...

און ווען דערפילסט אַ רוף,
פון צער געמישט מיט פרייד,
טו אָן זיין נאָמען אויף דיין גוף,
ווי אַ יום־טוב קלייד...

באַנייאונג

איך וועל זיך באַנייען,
ווי די בוימער אין פרילינג,
איך וועל זיך באַפרייען,
פון אַלץ וואָס מיך קווילט.
כ׳וועל זיין ווי די פעלדער
די גרינע, די וועלדער.
פון אייביקן חלום
כ׳וועל שאַפן אַ וועלט
מיר אַ נייע.

פרילינג

אין אַ בלויען פרילינג מאָרגן,
כ׳בין געגאַנגען אויף שפּאַציר,
איז אַ געל דאַר בלעטל מיר נאָכגעלאָפן,
און געלאַשטשעט זיך צו מיר.

עפּעס האָט עס שטיל געשאָרכעט:
בייזער ווינטער איז געפאַלן שווער,
ס׳האָבן ווינטן זאַווערוכעס,
מיך פאַרטראָגן אַזש אַהער.

כ׳בין געליגן עלנט, איינזאַם,
אונטער טיפן שניי באַגראָבן,
אַלץ געטראַכט און געזאָרגט,
צי וועל איך נאָך אַ פרילינג האָבן?

אַ פויגל רופט

אַ פויגל פליט,
פלאַטערדיקע פליגל.
ס'שווימט אַ שיף,
פון קוימען ציט אַ רויך.
ס'וויגט זיך שיף אויף כוואַליעס,
ווי אין אַ קינדער וויגל.
ס'רופט דער פויגל זיין געליבטע
צו דער בלויער הויך.

גיי איך מיט געציילטע טריט
ווי אויף שפיגל,
קוק אויף כוואַליעס זילבערנע,
בלוי און העל,
אָטעם לייכט,
עס ציטערט אויף מיין זעל,
ס'איז גוט אַזוי
צו לעבן און צו שטאַרבן...

ביי מיין פענצטער

ביי מיין פענצטער שטייט אַ בוים
אָנגעטון אין שווייגן,
אויף אַ בלעטל לעצטער טרוים —
ס'ציטערן די צווייגן.

קומט דער ווינטער אָן אַהער
אַ בייזער און אַ כעסן,
פוצט דער בוים זיך פּלוצים אוים —
פוצט זיך אוים אין ווייסן.

קומט דער פרילינג נאָר צוגיין,
נעמען צווייגן גרינען,
הייבט דער בוים שוין ווייטער אָן
אַ נייעם חלום שפּינען.

ביי מיין פענצטער שטייט אַ בוים,
שפּרייט אוים זיינע צווייגן,
קומט דער האַרבסט נאָר צוגיין —
שטייט דער בוים אין שווייגן.

יונג ווי פאַראַיאָרן...

אין שטילע נעכט זילבערן כוואַליעס פאַרבענקטע —
יאָגן זיך, טראָגן זיך, אין טאַנץ ווייט אַוועק,
פאַרשווינדן אין וועלטן ווייט אויסגעבענקטע,
געטובל׳ט זיי קומען צוריק צו דעם ברעג.

דער ים אַ באַנייטער איעדן פרימאָרגן,
דערוואַכט פון ביינאַכטיק רואיקן שלאָף,
די כוואַליעס ווי קינדער, פריילעך אָן זאָרגן,
פילן אָן די וועלט מיט נס פון באַשאַף.

וואָס איז געווען
און וואָס איז געוואָרן?
לבנה איז פונקט אַזוי יונג
ווי פאַראַיאָרן...

צוויי גלעזער

פון מיין חתונה-געשיר
געבליבן איז ביי מיר,
פראָסטע גלעזער צוויי.
איינע אַ לאַנגע, אַ שמאָלע,
די צווייטע אַ רונדע, אַ ברייטע,
שטייען זיי אין שאַפע גרייטע,
און וואַרטן אויף מיר.
קוקן אַזוי היימיש, ווען
איך מאַך נאָר אויף די טיר.

ס׳טרעפט איך פיל זיך עלנט,
שווער עס ציט דער היינט,
פאַרלאָזן האָבן נאָענסטע,
אַנטוישט די בעסטע פריינט.
די גלעזער, נאָר ווען איך דערזע
אין שאַפע אויסגעשטעלט,
דאַכט מיר כ׳בין גאָרנישט
אַזוי עלנט אויף דער וועלט...

מיינע פיר ווענט

ווען איך טרעט אַריבער מיין שוועל,
טו איך אוים מיינע שיך,
וואַרף אַראָפּ פון מיר די גאַס,
און וואַש מיינע הענט.
כ׳געפין דערלייזונג
צווישן מיינע ערלעכע פיר ווענט...

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט,
ווען איך גרייט מיין טיש
מיט ברויט און מיט זאַלץ —
דערפיל איך די פרייד פון שאַפן.
קוק איך מיט שטאָלץ
אויף מיינע פאַרהאָרעוועטע הענט,
און געפין דערלייזונג
צווישן מיינע פיר ווענט...

ניט לייכט דער וועג

עפּעם בין איך היינט פֿאַראומערט,
איז מיר ליבערשט אונזער ליד.
וואָס מער דאָס האַרץ דיר ווערט פֿאַרוואונדעט,
אַלץ פֿעסטער דאַרף מען שטעלן טריט...

אָט יענער דאָרט געקרוינטער ריכטער,
ער קען פֿאַרגינען זיך אַ שפּאַס:
נישט לייכט דער וועג עס איז פֿון דיכטער,
מ׳איז שטיין־עלנט אויף אונזער גאַס...

פֿון מיין דלאָן וועל איך פֿאַרזייען,
וואו נאָר ס׳איז אַ פֿעלד פֿאַראַן;
עס וועט דאָס ליד אין צער אויפֿגייען,
איך בין יונג, איך הייב ערשט אָן.

קלינג־קלאַנג

די זון פאַרגייט אין רואיקן אַריבער,
בענקשאַפט פלאַטערט שטיל אין לעצטן גלי,
די זון געזעגנט זיך מיט דעכער, מיט שטיבער,
זי זאָגט אַ זײַ־געזונט ביז מאָרגן פרי.

קינדער שפּילן זיך, אויף פערדעלעך זיי רייטן,
דרייען זיך אין רעדלדיק געזאַנג;
קירכן־גלעקער קלינגען פון דער ווייטן:
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג.

ביימער באָדן זיך אין גאָלדיק־רויטע פאַרבן,
איינגעהילט אין ליכט־געוועב און גלאַנץ;
נאַכט פאַלט צו, אַלץ שרעקט זיך פאַרן שטאַרבן,
שרעקט זיך פאַרן לעצטן לעבנס־טאַנץ...

מענטש, דיין אויער . . .

שטילע רו אויסגעשפּרייט אין טרויער,
גרויער נעפּל האָט זון פאַרשטעלט,
מענטש לייג צו דיין אויער
וועסטו הערן דעם אָטעם פון וועלט.

הימל ציט פאַרביי זיך אַ גרויער,
טייכל קנייטשט זיך פון קעלט,
מענטש לייג צו דיין אויער
וועסטו הערן געוויין פון וועלט.

בענקשאַפט ליגט אויף דער גאַס,
עלנט וואָגלט אום אַליין,
מענטש לייג צו דיין אויער
וועסטו הערן געזאַנג אין אונטערגיין.

האַרבסטיקע נאַכט

האַרבסטיקע נאַכט,
ש אַ - ש ט י ל ,
עס וויינט אַ גריל...
געל-באַבלעטערטע אַלייען
ציען זיך ווייט אַוועק,
דורך די צווייגן קוקט לבנה
מיט פחד און מיט שרעק...
נאַכט ליגט נאַקעט אויסגעטון,
מענטש האָט זיך פאַרצוימט
מיט פעסטן מויער,
פאַרריגלט דאָס האַרץ
מיט טיר און טויער...

אויף אַ פריי, איינזאַם פלאַץ
מיאַוקעט אַ היימלאָזע קאַץ.
אַ הונט ראָיעט אין פעסל מיסט,
זוכט אַ ביסן, נאָר אומזיסט...
האַווקעט און שטערט די רו:
מענטש, הער זיך צו!
האַרבסטיקע נאַכט,
ש אַ - ש ט י ל ,
עס וויינט אַ גריל...

ווער וועט אונז זינגען...

און ווער וועט אונז זינגען פון ציגעלעך ווייסע,
ווער וועט דערציילן אַ יידישע מעשה;
נישטאָ מער די מעשה, די ציגעלעך ווייסע,
פאַר׳יתומ׳ט דער יידישער ניגון,
ליידיקע שטייען די יידישע וויגן.

און ווער וועט אונז זינגען פון ראָזשינקעס, מאַנדלען,
וואָס יידעלעך פאָרן איבער ימ׳ען צו האַנדלען;
נישטאָ מער די סחורה, די הייליקע תורה,
פאַרשטומט איז געוואָרן געזאַנג פון דער תורה.

און ווער וועט אונז זינגען: איי־איי־איידער,
אַ יינגעלע מוז גיין אין חדר;
ס׳איז עלנט געבליבן דער יידישער חדר,
נישטאָ מער די מאַמע צו זינגען איי־איי־איידער.

און ווער וועט אונז זינגען פון אַ ליכטיקן מאָרגן,
ווער וועט די קינדער אויף יידיש פאַרזאָרגן;
איצט בלאָנדזשען אַרום די ווייסינקע ציגעלעך,
ליידיקע שטייען די יידישע וויגעלעך.

נישטאָ מער די זינגער
פון ציגעלעך ווייסע,
נישטאָ מער די מאַמע
צו דערציילן אַ מעשה;
אַלץ חרוב געוואָרן,
צו גלויבן איז שווער,
אויף אַ צווייגעלע הענגט דאָרט
דער מאַמע׳ס אַ טרער...

אַ פּוסבענקל

אָפּטמאָל איך פיל אַזוי קליין און באַליידיקט,
מיין שטאָלצע נשמה זי בלוטיקט פון פיין.
צי האָט גאָט מיך אויף דער וועלט נאָר באַשאַפן,
אַ פוסבענקל בלויז פאַר דיר איך זאָל זיין?...

דו ביסט דער האַר, און איך — דיין שקלאַפין,
מיין נשמה די שטאָלצע זי בלוטיקט פון צער.
פאַר אַ פוסבענקל בלויז האָט גאָט מיך באַשאַפן?
איך בין דער קנעכט און דו ביסט דער האַר...

וועלט דאַרף האָבן אַ מאַמע

אַז יעדער מענטש איז עלנט,
דאָס ווייסט איר מסתמא.
וועלט דאַרף האָבן אַ מאַמע...

ווער עס חלומ'ט, ווער עס וועבט,
ווער עס טרוימט און ווער עס שטרעבט;
ווער עס זאָגט און ווער עס מיינט,
ווער עס לאַכט און ווער עס וויינט.

אַז יעדער מענטש איז עלנט,
דאָס ווייסט איר מסתמא.
וועלט דאַרף האָבן אַ מאַמע...

ווער עס לויפט און ווער עס גייט,
ווער עס אַקערט און ווער עס זייט;
ווער עס קאַרגט און ווער עס שווינט,
ווער עס בויט און ווער עס וואווינט.

אַז יעדער מענטש איז עלנט,
דאָס ווייסט איר מסתמא.
וועלט דאַרף האָבן אַ מאַמע...

ווער עס פּלאַפּלט און ווער עס רעדט,
ווער עס מאָנט און ווער עס בעט;
ווער עס ברומט און ווער עס שווייגט,
ווער עס פאַלט און ווער עס שטייגט.

אַז יעדער מענטש איז עלנט,
דאָס ווייסט איר מסתמא.
וועלט דאַרף האָבן אַ מאַמע...

י י ד י ש

סידאָר בעלאַרסקין אַ מתנה

ביי אַ וויגעלע אַ קליינעם,
אין אַ חדרל אַ קאַלטן,
פלעגט מיין מאַמע מיך פאַרוויגן
מיט אַ ניגון גאָר אַן אַלטן:
„אונטער דיין גאָלדענעם וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע;
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשענקעלעך מיט מאַנדלען...״

גאָט געבעטן האָט מיין מאַמע
ער זאָל שענקען מיר פיל יאָרן;
אָפּהיטן איך זאָל איר לשון,
האָט מיין מאַמע מיך באַשוואָרן.
„און אַז דו וועסט אַן עושר ווערן,
איבער ימ׳ן וועסטו האַנדלען,
זאָלסטו, קינד מיינס, נישט פאַרגעסן
אין די ראָזשענקעס מיט מאַנדלען...״

זיינען יאָרן פיל פאַרשוואונדן,
זיינען טייכן פיל פאַרלאָפן,
בין איך איבער ברייטע ימ׳ן,
פון מיין שטעטל וויט פאַרוואָרפן.
האָב איך שפּראַכן פיל געלערנט
אויף די רייכע, פרעמדע גאַסן —
ליב ביסטו מיר אַלץ פאַרבליבן
מיין אייגן יידיש מאַמע־לשון...

נאָך מיין אבידה

עפּעם האָב איך היינט פאַרלוירן,
זוכן האָט קיין זינען,
וואָס כ׳האָב אָנגעוואָרן,
כ׳וועל שוין נישט געפינען.

עפּעם איז געשטאָרבן —
העלפן וועט קיין קלאָגן,
וועל איך קריעה רייסן,
נאָך זיך קדיש זאָגן.

כ׳בין היינט אַן אבל —
זאָל מיר גאָט פאַרגעבן,
כ׳וועל זיך שבעה זעצן
נאָך מיין יונגן לעבן...

שטימונגען

װען אין דרויסן איז כמורנע,
עס ליאַפּעט אַ רעגן,
און עלנטע שטייען
די הייזער אין גאַס,
װערט ביי מיר פּלוצלונג
ליכטיק אין האַרצן,
כאָטש נעם און גיי טאַנצן
אין מיטן דער גאַס...
נאָר אַט זילבערן הימלען
און בוימער זיך סוד׳ען,
פול שטייט די גאַס
מיט פרייד און געזאַנג, —
װיינט ביי מיר עפּעס
אין האַרצן אַ בענקשאַפט
און עס טוט אַזוי באַנג,
עס טוט אַזוי באַנג...

„באַ!"...

אַמאָל, זע איך די וועלט,
אין זוניקער פּראַכט,
עס כּישופ'ט דער טאָג,
עס צויבערט די נאַכט.
און אַלץ אַזוי שטיל,
און אַלץ אַזוי שאַ —
נאָר ווי זאָגט מיין חיה־שרה'לע:
באַ!...

אַמאָל זע איך אַ גרעזל,
וואָס אָטעמט מיט פרייד,
אַ טייכל וואָס פּלאַפּעלט
מיט קינדערשע רייד.
אַ פייגעלע זינגט,
אַ בלימעלע בליט,
און אַלץ אַזוי שיין,
און אַלץ אַזוי גוט;
אַלץ אַזוי שטיל, און אַלץ אַזוי שאַ,
נאָר ווי זאָגט מיין חיה־שרה'לע:
באַ!...

אַמאָל וויינט אין מיין האַרצן
אַ ביטער געוויין —
כ'ווייס נישט פאַרוואָס,
איך קען נישט פאַרשטיין.
עס שרייט אַ געפּאַר
פון ערגיץ אַרויס:
„דיין לעבן פאַרביי,
דיין וועלט איז שוין אויס..."
און אַלץ אַזוי שטיל, און אַלץ אַזוי שאַ,
נאָר ווי זאָגט מיין חיה־שרה'לע:
באַ!...

„פייער און שניי״

א

יעדער אָנהויב אַ באַרויש,
יעדער אויסלאָז אַן אַנטויש,
יעדער נעכטן ווי אַצינד,
צי דעם פּאָדעם ווייטער בלינד...

ב

ס׳ווערט דאָס לעבן אַלץ באַנייט
דורך פרייד און שטילער פּיין,
מיין קינד וועט שמידן די לעבנס-קייט,
ווען איך וועל מער נישט זיין.

ג

מיט שניי אויפן קאָפּ
און פייער אין האַרצן,
אַ שטאָלצע די יאָרן איך טראָג
אויף די פּלייצעס.
ס׳פירט מיך אין שפּאַן
מיין קינדישע האַנט
און כ׳פרעג ניט ביי קיינעם
קיין עצות.

ד

אויפן טעמפּן שלייפשטיין פון יאָרן
בין איך רייפער נאָך געוואָרן,
לאַך איך שטיל אַצינד
ס׳געלעכטער פון אַ קינד.

ה

ס׳בליען בלימעלעך אַלערליי,
צאַרטע ליליען, ווייס ווי שניי,
רויטע רויזן, פייער־פלאַם,
מאַרגאַריטקעס, בלויער שוים.
דעפאַדילען, גאָלדיק־ברוין
אויסגעהעפטע ווי אַ קרוין,
דעיזים ווייס און פורפור־בלוי —
אַלץ באַדעקט מיט פרילינג־טוי.
בלומען וואַקסן אַלערליי,
ס׳האָט דער האַר באַשאַפן זיי.

ו

איך בין עלנט אויף גאָטס וועלט,
מיין האַרץ איז פאַרבענקט און פאַרקלעמט,
עס צאַנקט אין פוסטקייט פון לעבן,
אין אייגענעם פייער עס ברענט.

מיין ליד, מיין איינציק פאַרמעג,
אַ שטערן אויף מיין איינזאַמען וועג.
טובל איך מיין פערז אין מיין צער,
און דאַנק דיר, אַלמעכטיקער האַר.

ז

גאָט, דיין אויג באַוואַכט די גאַנצע וועלט,
פאַר דיר קיין זאַך איז נישט פאַרהוילן,
דו האָסט פרייד פאַר יעדן.
ס׳קלענסטע ווערימל אונטער שטיין
בלייבט אויך נישט אַליין.

נאַכט

נאַכט איז געלעגן אַ שטילע פאַרבענקטע,
לבנה האָט אַרונטערגעקוקט אויף דער וועלט ;
ס'האָט אַ פויגל אַ פלאַטער געטאָן אין דער שטילקייט,
ס'האָט אַ בלימל זיך פלוצים צעבליט אויפן פעלד.

ס'האָט טייכל געפלאָסן אין אייביקן גאַנג,
געמורמלט אין שטילקייט פון איינזאַמער פרייד ;
געקושט און געצערטלט דאָס זאַמד פון די ברעגן,
געבלישטשעט מיט שופן פון צערטלעכע רייד.

ענריקא גליצענשטיין

אויף מיין ביכער־שראַנק אַנטקעגן
שטייט אַ קליינע גיפּסענע פיגור,
מיט פאַרחלומ'טע, פרומע אויגן,
און קרייזלדיק־געדיכטע האָר.

דאָס האָט גליצענשטיין דער מייסטער
מיך מאָדולירט: ווי לאַנג איז דאָס געווען?
נאָר אָט האָט אַ זונשטראַל באַלויכטן איר פּנים
און מיר דאַכט, כ'האָב זי היינט דאָ ערשט דערזען.

פון אירע אויגן לויכטן ליבע פייערלעך אַרויס,
תפילה'דיק שפּרייט זי אירע אויסגעבלייכטע הענט,
און ווי זי איז אויסגעוואָקסן, טורעמדיק גרויס,
כ'האָב זי היינט דאָ צום ערשטן מאָל דערקענט.

קוק איך אויפן וואונדער וואָס איז געשען,
אויף דעם נס וואָס איז דאָ פאַרלאָפן —
דאָס האָט דער מייסטער פון ליים און פון שטיין,
אַ מענטש צום לעבן געפורעמט און באַשאַפן.

מ אָ ט י ו ו

ציטערט גרעזל
אַ ט אַ ז ו י ,
באַלד מיין לעבן איז פאַרביי...
באַלד מיין לעבן איז פאַרביי...

פלאַטערט בלימל
דאָרט און דאָ,
אויך מיין לעבן איז אַ שעה...
אויך מיין לעבן איז אַ שעה...

וויינט דער האַרבסט
אַראָפּ פון בוים,
ס׳גאַנצע לעבן איז אַ טרוים...
ס׳גאַנצע לעבן איז אַ טרוים...

אַלע...

אַלע מענטשן וויינען,
וועלט איז פול געוויין.
ווער עס וויינט מיט ווערטער,
און ווער עס וויינט אַליין...

אַלע חיות וויינען,
העלפאַנט וויינט און גריל;
ווער עס וויינט מיט ברומען,
ווער עס יאָמערט שטיל...

עס וויינען גראָזן, ביימער,
עס וויינט דער גרויער שטיין;
עס וויינען שטיל די הייזער,
יעדער וויינט אַליין...

עס וויינט דאָס צאַרטע בלימל,
עס וויינט דאָס שטומע פעלד;
אַלע, אַלע וויינען,
עס וויינט די גאַנצע וועלט...

מיין באַגלייטער

ווער קען פאַרשטיין
דעם גאַנג פון לעבן ?
ווער קען דערפילן
דעם ביטערן פיין.
ווען מען צו זאָגן,
ביי ווען מען צו פרעגן,
וואָס וועט דער סוף
פון דעם אַלעמען זיין ?...
צער מיין באַגלייטער
אויף מיינע עלנטע וועגן.
ביסט שטענדיק לעבן מיר,
אין מיין ביטערער נויט !
ביסט מיר אַזוי נאָענט,
אַזוי אייגן געוואָרן,
ביסט אויף מיין וועג
מיין זאַלץ און מיין ברויט...

ס׳טרעפט...

ס׳טרעפט אין מיטן וואָך,
כ׳שטיי אין קיך אַזוי און קאָך.
פּלוצים גייט אויף דיין געשטאַלט,
ווערט מיין קיך פאַרוואַנדלט באַלד
אין אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ...

און אַזוי אין מיטן דרינען
לויכטן אויף אַ זיבן זונען.
און זיי בלענדן מיר די אויגן
ווי אַ פאַרנאַכטיק רעגנבויגן.

קומען ווערטער ווייסע-פליגל
און זיי זינגען מיר אַ ניגון.
און זיי מאָנען און זיי בעטן:
נעם מיך, נעם מיך, אַזוי ביים קאָכן,
שאַפן יום-טוב אינדערוואָכן...

ווערטער געסט, מיר ליב און טייער,
זינגט מיר פון אַ וועלט אַ נייער!
פלייש און בלוט פון מיינע גלידער,
פאַרוואַנדלען זיך אין ליבע-לידער.

זינג אָ זינג

הינטער גרויען האָריזאָנט,
ערגעץ פון אַ צויבער לאַנד,
שטרעקט צו מיר זיך אויס אַ האַנט,
ערגעץ פון אַ צויבער לאַנד.

נעמט די האַנט מיך צאַרט אַרום,
פליסן ווערטער שטיל און פרום:
„צו אַ וועלט אַ ווייטער קום!"
נעמט די האַנט מיך צאַרט אַרום.

רייד פון רו, קלאַנג פון פרייד,
וואָס זאָגן דיינע צויבער־רייד?
זאָג מיר וואָס איז דיין באַשייד?
וואָס זאָגן דיינע צויבער־רייד?

זינג, אָ זינג מיין טרויער ליד
איך בין עלנט, איך בין מיד,
באַגלייט מיך מיט מיין שווער געמיט,
זינג, אָ זינג מיין טרויער ליד.

אַ הייזל אַ שייבל

שטייט אַ הייזל אויף די קני
ביי פאַרשעמטע טרעפּ,
לעבן הייזל אָסיען־בלי
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

קוקט אַ שייבל, אַ קאַסאַקע,
ברוגז אויף דער וועלט,
צו וואָס האָט גלעזער
מיך, איך בעט אייך, —
דאָ אַריינגעשטעלט? ...

אין סי־געיט

זון אין טויזנט שלייערס,
הימלען פּורפּור פאַרבן,
ס׳איז שוין באַלד דעצעמבער,
דער זומער וויל ניט שטאַרבן.

ביימלעך יונג-פאַרשייטע,
אין ליבע-חלום גליען,
בלימלעך אין די בייטן,
ווי אין פרילינג בליען.

פייגל ביי די ברעגן,
ווי גראַציעזע שוואַנען,
ס׳איז גוט אַזוי אין סי-געיט
ביים ברעג אַרומצושפּאַנען.

שטילע תפילות

לערן מיך גאָט

לערן מיך גאָט
די חכמה פון שווייגן,
דעם זין פון וואָרט,
די פרייד פון צער.

גיב מיר גאָט
דעם פלאַטער פון פליגל,
דעם גאַנג פון ווינט,
דאָס צאַרטקייט פון גרעזל,
דעם שמייכל פון קינד.

די ליבע צו מענטש,
צו אַלץ וואָס לעבט
אויף דיין וועלט.

כאור הבוקר

א

קאַיאָר, ווען פרימאָרגן־בלויקייט
דרינגט אַריין אין מיין געצעלט,
פאַרנעם איך, גאָט אַלמעכטיקער,
דאָס שיינקייט פון דיין וועלט.

פאַרכטיק קוקן מיינע אויגן, פרומע
מיינע ליפּן מורמלען, שטילע
צו דיר אַ האַרציקע תפילה.
ווי קען איך, אַ פּשוטער בשר־ודם,
באַשרייבן דאָס שיינקייט, דיין באַגינען?
איך קוק פאַרשטומט און גאַף,
עס ציטערט אין מיר יעדער גליד
פאַר דיין באַשאַף.

איך דאַנק דיר, גאָט,
פאַר דער שטילקייט פון קאַיאָר,
פאַר דער רו וואָס פלאַטערט און העלט,
איך גיי אַרום מיט שטילע טריט
און הער דעם אָטעם פון דער וועלט.
איך דאַנק דיר, גאָט,
פאַר דער בלויקייט פון פרי־הימל,
פאַר אַ גרעזלם גרינעם דרימל,
פאַר דעם פלאַפּל פון א ווינט,
פאַר דעם חנדל פון אַ קינד.

איך דאַנק דיר, גאָט,
וואָס מיינע פיס פירן מיך
יעדן פרימאָרגן צום ברעג ים;

וואָס מיין אויג קען פאַרנעמען
די טיפקייטן פון קאַיאָר;
וואָס מיין אויער קען דערהערן
אַ פרומען מורמל פון די כוואַליעס;
וואָס מיין נאָז קען דערשפירן
דעם ריח פון פריש־געשניטן גראָז.

איך דאַנק דיר, גאָט,
פאַר דער רו וואָס הערשט אַרום מיין הויז.

ב

איך צי אַראָפּ פון מיינע אויגן
דעם דעק־טוך פון שלאָף,
איך בין שיכור פון דיין באַשאַף.

איך גיי אַרום מיט וואַקלדיקע טריט
און וועב אוים אַ ליד נאָך אַ ליד.
איך זינג אוים אַ הייליק געזאַנג
צו דיר, מיין האַר.

איך דאַנק דיר פאַר מיין זיין,
פאַר מיין יעדן שפּאַן,
פאַר יעדן צאַפּל,
פאַר יעדן לעבנס־טראָפּל.
פאַר אַ ווערימל אונטער שטיין,
אפילו דער מערעשקע.

ג

גאַנץ־פרי ווען כ׳קוק מיט אויגן, האַלב־פאַרשלאָפענע,
דורך מיין פענצטער אַרויס,
טראַכט איך, גאָט! דיינע וואונדער זיינען גרויס.

ווען איך זע: דאָס יונגע אַפּריקאָסן-ביימל,
ווי די זון לאַסטשעט יעדעס בלעטעלע באַזונדער,
די רייפע אַפּריקאָסן, מיט רויט-פאַרפלאַמטע בעקעלעך,
רויטלען זיך פאַר פרייד —
זיינען צו שוואַך מיינע רייד,
צו לויבן דיך גאָט!

ווען דאָס עפּל-ביימל ביי דער זייט,
גיט אָפּ דער וועלט אַ פריילעכן גוט-מאָרגן,
ווען יעדעס עפּעלע וויגט זיך ריטמיש
אויף די צווייגן,
דאַנק איך גאָט, און שטילן שווייגן.

ווען דאָס קליינע, בייכיק-רונדע ביימעלע,
וואָס שטייט ביי מיין פענצטער,
באַוואַקסן מיט געדיכטע-גרינע בלעטער,
אונטער פרייען הימל,
מורמלט שטיל אַ געזאַנג צו דיר;

און ווען עס פאַלט אַ לייכטער רעגן,
מענטשן-קינדער גייען אויף די וועגן,
און זוכן שוץ אונטער אירע צווייגן —
שמייכלט ביימל פרום,
נעמט זיי אַלע ווי אַ ליבע מאַמע אַרום,
טראָגט זיך אַ בת-קול פון הימל:
גאָט! ווי שיין עס איז דיין וועלט...

אל תשליכנו

אל תשליכנו לעת זקנה...
פאַרלאָז מיך נישט אויף דער עלטער,
דאָס בעט איעדער ביי גאָט:

אָן אייגענעם ווינקל דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן,
נישט מאַך מיך צו שאַנד און צו שפּאָט.
אל תשליכנו לעת זקנה...
פאַרשעם מיך נישט גאָט אויף דער עלטער,
בכבוד איך וויל עסן מיין ברויט,
זיי מיט מיר גאָט אויף דער עלטער,
טו נישט אָפּ פון מיר דיין גענאָד.

וועלט איז אַליין...

א.

וועלט איז אַליין, אַן עלנטער שטיין.
בוים איז אַליין, מיט זיין שטילן געוויין.
דער פויגל איז אַליין, כאָטש ער זינגט אַזוי שיין.
דער האַרבסט איז אליין, מיט זיין שטילן געוויין.

ב.

קליינע קינדער וויינען, גרויסע קינדער שווייגן.
עס וויינט דער בוים אין עלנט, עס וויינען שטיל די צווייגן.
קליינע קינדער רוען, גרויסע קינדער וואַכן,
ביי יעדן וויינט אין האַרצן, אפילו ווען זיי לאַכן.
קליינע קינדער שמייכלען, גרויסע שלינגען טרערן,
שווער פאַלט אָפט דאָס לעבן, פון דעם יאָך דעם שווערן.

ג.

דאָס פייגעלע קליין, דאָס טייכעלע ריין,
דאָס בלימעלע בלי, דאָס ליבעלע גלי.
דאָס יינגעלע דאָ, דאָס מיידעלע דאָרט,
אַלע זענען עלנט — נאָך עלנטער דאָס וואָרט.

ד.

ווען די קישנס זאָלן פלוצים עפענען אַ מויל
און אונז דערציילן פון שטילן וויימיק — טיפן צער.
דער חכם, סיי דער נאַר, אַלע זענען עלנט,
גאָט! דערבאַרעם זיך איבער דעם מענטש...

מענטש און בוים

א

ס'האָט מיין שכן קעגנאיבער
פאַרזעצט אַביימל ביי זיין פענצטער.
איז דאָס ביימל אויסגעוואַקסן
פון אַלע ביימעלעך דאָס שענצטע.

ס'האָט מיין שכן דאָס קליינע ביימל
ווי אַ געטרייער טאַטע אָפּגעהיט,
געציטערט איבער קליינעם ביימל
ווי דער דיכטער איבער ליד.

איז דער טויט צו אים געקומען,
דעם מענטש דעם ווערכטער צוגענומען.
נאָר דאָס ביימעלע דאָס שיינע,
דאָס הילפלאָזע דאָס קליינע,
וואַקסט און בליט אַזוי ווי פריער.

ב

מיין שכנה האָט אַ קליינעם עפּלבוים
פאַרזעצט אָט דאָ דערנעבן,
באַשיצט דאָס ביימל פון שטורם-ווינט
און געהאָפט רייפע עפּל צו דערלעבן.

פלוצים איז מיין שכנה אַוועק
אין דער אייביקייט פון שווייגן,
ערשט דאָס ביימעלע צעבליט זיך
מיט פרישע בליעכץ אויף די צווייגן.

אין שפּיטאָל

די זון איז היינט אויפגעגאַנגען אין קאַיאָר,
געבראַכט אַן אָנזאָג: אַ נייער טאָג איז געבוירן.
אין שפּיטאָל שטייען בעטן ווייס באַצויגן;
די קראַנקע מיט פאַרשלאָפענע אויגן, קוקן אַרום זיך.
שטילע קרעכצן, אַ שטיל געבעט, אַ רופן: „נוירס", „נוירס"!
די קראַנקן־שוועסטער מיט אויסגעבלייכטן פּנים,
איר היטעלע, אַ ווייסער פליגל פלאַטערט צווישן בעטן.
אירע אויגן באַרואיקן, גלעטן.
דורכן פענצטער פון דער ווייט קלינגט דער זייגער
אוים די צייט.

אויף אַ בעטל פירט מען אַ טונקל־הויטיקע,
אין ווייסע אָפּעראַציע־קליידער,
אירע בלאַסע ליפּן מורמלען:
בעט גאָט פאַר מיר, בעט גאָט פאַר מיר.
מיר די קראַנקע אין יסורים געלייטערט —
ווייסע, שוואַרצע, געלע, קינדער פון איין מאַמען,
בעטן אין צוזאַמען.
דורכן פענצטער אין דער ווייט
קלינגט דער זייגער אוים די צייט.

טראַכט אַ בערגל...

טראַכט אַ בערגל מיסט:
ניט געלעבט האָב איך אומזיסט.

שיין איז גאָטס וועלט!
אָט הער איך, ווי אַ פויגל טרעלט.

דער פרילינג איז שוין ווידער דאָ,
זון פאַרגייט אין פיאָלעטיוון בלאָ.

עס צערטלט מיך אַ שקיעה־שטראַל.
גאָט איז איבעראַל!

ס׳רוט אויף מיר אויך די שכינה —
טאָ וואָס איז די נפקא־מינה?

טראַכט אַזוי דאָס בערגל־מיסט —
ניט געלעבט איך האָב אומזיסט...

שטייט אַ בוים

שטייט אַ בוים אין מיטן פעלד
איינינקער אַליין,
קיינער קומט נישט צו דעם בוים
אַמאָל אַהער צו גיין.

טענה'ט בוים: אָ, ליבער גאָט,
פאַר־וואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?
צו שטיין דאָ אַן עלנטער,
איינגעהילט אין שלאָף?

פון ווייטן זע איך ביימעלעך,
מיט קרובה'שאַפט באַשיינט;
און איך, אַ שטיין אַן עלנטער,
וויינט דער בוים און וויינט.

ערב־פרילינג

דורך שווערע טעג און גרויע נעכט
זיינעןביימער שטום געשטאַנען,
שטיל געזיפצט און שטיל געטראַכט:
איז דערלייזונג נאָך פאַראַנען?

עס האָבן שנייען, זאַווערוכעס
זיי געשמיסן גלייך אין פּנים
און געקייכט אַזש פון געלעכטער:
אַט נאַראַנים! אַט נאַראַנים!

האָט דער ליבער גאָט אין הימל
זייער שווערן צער פאַרנומען
און געשיקט זיי די ישועה —
פרילינג, פרילינג איז געקומען.

און דו...

פיר ווענט, א דאך,
שטילע רו
און דו...

פייגל־פלאטער ביי מיין הויז,
א פ א ר ב ע נ ק ט ע רויז;
שטילע רו
און דו...

ביי מיין שוועל,
אויף מיין דיל,
בענקשאפט שטיל.

א בליק, א טראפן גליק,
דער חלום בלויז פון דיר,
ליב איז מיר.

פיר ווענט, א דאך,
שטילע רו
און דו...

לעצטע בלום

ד״ר רבקה זאַקס אַ מתנה

אין מיין גאָרטן בליט אַ רויז,
זיצט דער האַרבסט ביי מיר אין הויז;
וועלקט די בלום און איך מיט איר,
וויינט דער האַרבסט שוין ביי מיין טיר.

רויטער שניי און ווייסע רויז,
איך פאַרבעט אייך אין מיין הויז;
כ׳עפן ברייט פאַר אייך מיין טיר,
ברענגט פון ווייט אַ גרוס צו מיר.

האָט איר האַרבסט באַגעגנט וואו,
אין אַ שטיל־פאַרבענקטער שעה?
צי גאָר אַ פרילינג ערגעץ ווייט,
וואָס געבליט האָט ביי דער זייט.

אָפּגעבליט אין שטילן פּיין,
און דעם בעכער פול מיט וויין
אויסגעטרונקען ביז איין טראָפּ,
אַזש פאַרדרייט האָט זיך דער קאָפּ...

דער אָנהויב

דער אָנהויב איז געווען אַזוי:
כ׳בין געווען געטרייע מאַמע
און ליבע פרוי.
פּלוצים, אין אַ שטורמדיקער נאַכט,
האָט עפּעס טיף אין מיר דערוואַכט —
אפשר אַ געפיל פון דורות פריער
האָט איצט באַניט זיך דורך מיר
און געפאָדערט, מיך פון זיך באַפרייען,
מיין געפענטעטן גייסט צו באַנייען!

ענג זיינען מיר געוואָרן מיינע פיר־ווענט —
האָב איך זיי צעבראָכן, דערביי פאַרוואונדעט
מיינע הענט...
בין איך אַ פרייע אויף דער וועלט אַרוים,
ברענענדיק אין אייגענע פלאַמען.
האָבן מענטשן מיך אַרומגערינגלט
מיט שווערע אייזערנע צאַמען,
און איך אין מיטן, מיין גאָט אַליין מיט דיר,
אַ פאַרשעמטע האָב איך צו מיין הויז
זיך אומגעקערט צוריק.

אַמאָל איז געווען

איך קען אַ פּרינצעסן מיט פֿאַרחלומ'טע אויגן,
אַ צאַרט־ליכטיק פּנים און גאָלדענע צעפּ.
זי וואוינט אין אַ חורבה, וואָס שטייט האַלב־געבויגן,
מיט אַ גאָלדענעם דאַך און מאַרמאָרנע טרעפּ.

קומען דאָרט בעטלער, מיט טאָרבעס אויף פּלייצע,
און מאַכן זיך היימיש אין שטיבל ביי איר;
געפינט זי פאַר יעדן אַ גוט וואָרט, אַן עצה,
אַ טרייסט־וואָרט פאַר יעדן, וואָס עפנט די טיר.

קומט די לבנה ביינאַכט אַ צעפלאַמטע,
קאַיאָר קומט דער מאָרגן אין בלווילעכן ציטער;
מלאכים באַזינגען די שטוב אויפגעראַמטע,
און גאָט ברוך הוא אַליין איז דער היטער.

מיין ליבער

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
נאָך פון אייביקייט'ס צייט,

אויף פאַרוואָרפענעם וועג,
לעם אַן איינזאַמן שטעג,
שטייט דאָרט אַ מויער
מיט אַ פאַנטאַסטישן טויער...

אויף אַ שילד פון בלוילעכן-בלוי
לייענט זיך אַזוי:
דאָ די אייביקייט וואוינט.
איר לייענט און איר שטוינט...

דער שלאָס איז געבויט
פאַר מיר און פאַר דיר,
מיט אַ גאָלדענעם דאַך
און פאַרכישופטער טיר.

ווייס-מאַרמאָרנע ווענט
און ראָזעווע ציגל,
מיט שלעסער פאַרשלאָסן
אויף פאַנטאַסטישן ריגל.

די אייביקייט זיצט דאָרט
פון נאַכט ביז באַגינען,
מע דאַרף נאָר דעם שליסל
מיין ליבער געפינען...

דורך אייגענעם צער

דורך אייגענעם צער
האָב איך דערשפּירט דעם צער
פון דער וועלט.

דורך אייגענער פרייד
האָב איך דערשפּירט די פרייד
פון בוים, פון גרעזל אויף פעלד.

דורך אייגענער בענקשאַפט
האָב איך דערשפּירט די בענקשאַפט
פון מענטש.

וואָס איז אַ נאָמען...

חכמים זיי פרעגן אַ קשיה,
וואָס איז אין אַ נאָמען פאַראַן —
איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה
וואָס איז אין אַ נאָמען פאַראַן...

ער האָט מיר מיין נאָמען געגעבן,
מסתמא אַזוי מיר באַשערט,
ער האָט מיר אַ לעבן געגעבן —
מיט אייגענע הענט עס צעשטערט...

וואָס איז אין אַ נאָמען פאַראַנען?
שווער צו דערקלערן מיט רייד —
אין נאָמען עס איז אָפט פאַראַנען
טרערן און קוואַלן מיט פרייד...

רופט מיך ביים נאָמען, איך בעט אייך,
רופט מיך פריידיקע פרייד —
כאָטש לאַנג פאַרבליט האָט מיין ליבע,
פאַרגאַנגען עס זיינען די רייד...

האַרבסט מאָטיוו

האַרבסטיקע, זאַטע זילבער נאַכט,
עס טריפן טרוימען פון די צווייגן,
איך רעד צו דיר אין שווייגן.

בליען בלימלעך אין דער שטילקייט,
פייגל-פלאַטער אין די וועלדער,
גרעזלעך שווייגן אויף די פעלדער.

לבנה-ליכט דורך מיין פענצטער,
טריבער טרויער ביי מיין טיר,
בענקשאַפט צאַנקט אין האַרץ ביי מיר.

מאַמע

צי קענסטו דערקלערן מיר
טייערע מאַמע,
פאַרוואָס איך בין שטענדיק
פאַרטרויערט, פאַרקלערט?
צי איז עס דער טרויער
פון לאַנגסטיקע דורות,
וואָס איז אויף מיין גורל
צו טראָגן באַשערט?...
כ׳לעבן איך וויים נישט
אוי, טייערע מאַמע,
מיין צער נאָר אַנטפּלעקן
איך קען בלויז פאַר דיר:
דערזע איך אַ בלימל,
אַ ביימל, אַ גרעזל,
וויינט עפּעס שטענדיק
אין האַרצן ביי מיר.

ברענט דער הימל

ברענט דער הימל רויט ווי פייער
אויפן בלויען וואַסער רוים,
טאַנצן כוואַליעס ווי קונדסים,
שפּריצן פונקען פונעם שוים...

בליצן שטערן, ווייסע חברה,
קאַטשעט זיך דער ים און לאַכט;
די לבנה בלויז נאָר איינע,
וואַנדערט איינזאַם און פאַרטראַכט...

***

נאָך חלומ׳ט די נאַכט
אויפן שוים פונעם ים,
פאַרזונקען אין רואיקן דרימל.
ס׳האָבן קוים באַרג און טאָל
אויפגעוואַכט.
ס׳באַגינט, עס גרויט שוין דער הימל,
ס׳שטרעקט זיך דער ים,
האַלב-פאַרשלאָפן, פאַרקלערט
ס׳מורמלט אַ כוואַליע אַ שטילע.
באַהעפט האָט זיך איצט
הימל און ים,
עס ציטערט אַ הייליקע תפילה.

מיין שיף

די זון פֿאַרגייט אין אייגן בלוט,
דער הימל רויט ווי צונטער;
ס'רעווועט ים, ס'שטורעמט ווינט,
קאַפּיטאַן, מיין שיף גייט אונטער...

ס'קרעכצט די מאַסט, ס'ברעכט די מאַסט!
עס זינקט מיין קאָפּ אַרונטער;
איך שטרעק די הענט, איך ברעך די הענט,
קאַפּיטאַן, מיין שיף גייט אונטער.

איך רוף צו דיר מיין קאַפּיטאַן:
שטאַרק מיך און דערמונטער!
שטורעם ברעכט די מאַסט באַלד איין,
מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער...

געטער און האַרבסט בלעטער

א

פֿאַלן בלעטער, פֿאַלן בלעטער,
ווי אין דער יוגנט מיינע געטער.

מיינע געטער, יוגנט־געטער
ווי די געלע, דאַרע בלעטער.

ב

האַרבסטיקער דרויסן איצינדער,
די הייזלעך פֿאַרבענקטע פֿאַרטראַכט.
פּוסט איז דאָס געסל אָן קינדער
אַ גרויע עס פֿאַלט צו די נאַכט.

זומער אַ פֿויגל פֿאַרפֿלויגן,
געלאָזט טיפֿע בענקשאַפֿט אָן שיעור.
מיט טרערן ס׳זיינען פֿול מיינע אויגן,
די בענקשאַפֿט וויינט שטיל באַ מיין טיר.

ג

כ׳האָב געטער געזוכט און געפֿונען,
און טריי געהיט זייער יעדן געבאָט,
האָב פֿריי מיינע טעג, מיינע נעכט געגעבן,
פֿאַר יעדן אויסגעפּוצטן גאָט.

איצט בלאָנדזשע איך אַרום אין אומעט
דאָס האַרץ מיינס איז שטאָק בלינד.
וועל איך אַ גאָט נאָר זוכן תּמיד?
איז אפֿשר זוכן גאָר אַ זינד?

ד

עס פאַלן געלע בלעטער,
עס רוישט דער יונגער וואַלד ;
עס זינגען סוף־זומערדיקע פייגל,
דער האַרבסט ער קומט שוין באַלד.

דער האַרבסט ער קומט צורייטן
אויף קופּער־רויטן פערד,
מיט רייכער רייפער זאַטקייט
וועט אָטעמען די ערד.

ה

מיין ליד אַ יונגע פאַרליבטע,
און איך — ווי שטאַרק אַלטער וויין.
עלנט וועט זיין מיין ליד אַ באַטריבטע,
ווען איך וועל שוין מער דאָ ניט זיין.

פון אַטאָם־מלחמה און העלדישע זיגן
וועט זינגען דער דיכטער, בלוט און פּיין.
וויינען וועט שטיל מיין עלנטער ניגון
ווען איך וועל שוין מער דאָ ניט זיין.

ו

מיין וועלט פון שפּינוועבס געוועבט,
מיין איינציק פאַרמעג איז מיין טרוים.
אַ שאָרך פון אַ בלעטל אויף בוים
קען חרוב מאַכן מיין וועלט...

ז

ראָד און רעדער אין גערדריי,
שפּיל און שפּילן אַלערליי;
בלויז אַ בלי —
און באַלד פאַרגיי...

ח

וואָס געווען
וועט אייביק זיין,
מיין שטיל געווויין —
מיין פרייד, מיין פּיין.

מיין פרייד, מיין לייד,
מיין טיפער פּיין.
מיין ליד, מיין ליד,
וועסט אייביק זיין.

ט

דער טאָג פאַרגייט,
די נאַכט פאַלט צו,
ס'ווערט באַלד שפּעט,
געציילט די שעה...

בענקשאַפט שטילע,
הערלעך שיין,
אויף ליפּ אַ תּפילה:
מען מוז באַלד גיין...

אַ בריוו צום זון

מיין זון מיין עלצטער, מיין בכור!
כ׳האָב דיין קורצן בריוו נאָר-וואָס דערהאַלטן, מיין קינד;
מיין האַרץ האָט זיך פון שרעק שיר-ניט אָפּגעריסן,
ווען כ׳האָב מיט ציטערדיקע הענט דעם קאָנווערט אויפגעריסן,
כ׳האָב געוואָלט שוין וויסן וועגן דיין געזונט.
קינד מיינס, פאַרוואָס שרייבסטו אַזוי זעלטן?
צי ווייסטו נישט, אַז איך גאַר נאָך דעם כתב פון דיין האַנט?!
„נישטאָ קיין צייט! ס׳ברענט! מען מוז פאַרטיידיקן
דאָס לאַנד!"
בין איך שטאָלץ מיט דיר, מיין אויג אין קאָפּ,
קוק איך אויף דעם בילדל וואָס האָסט אונז צוגעשיקט
און נעם די אויגן נישט אַראָפּ...
עפּעס ביסטו גאָר אַן אַנדערער געוואָרן, מיין אַברעמל.
די ליפּן צונויפגעפּרעסטע, פעסט געשלאָסן,
אויף דיין פּנים אייזן-שטאַרקער ווילן,
דיינע אָרעמס קופּער-ברוין, און אַזוי טאַנצנדיק די האָרן
לויכט דעם נביא׳ס פייער אין דיינע אויגן.
עס זיינען דיינע מוסקלען אָנגעצויגן, קרעפטיק מיט
חלוצים-מוט —
„פאַר פרייהייט, מאַמע", זאָגסטו „מוז מען געבן בלוט!"
מוז מען געבן בלוט?...
בין איך שטאָלץ מיט דיר, מיין זון מיין עלצטער, מיין קרוין,
שעם איך זיך פאַר דיר מיין קינד,
איך, אַ שוואַכע פרוי, אַ מאַמע נאָך דערצו,
האָב געוואַגט דיר שרייבן אין שווערער שעה:
אפשר, טאָמער, וואָלסטו געקומען אַהיים צו גאַסט, גלאַט אַזוי.
ענטפערסטו: „אונזער היים איז דאָ, נישט ביי אייך דאָרט".
איז טאַקע נאָר צו קושן דיין יעדער וואָרט.
וועל איך דיר נישט דערציילן פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט,

ווי שעה׳ן לאַנג ביי מיין פענצטער כ׳שטיי.
גאַנץ־פרי כאַפּ איך די ציימונג אין האַנט,
לייען די נייעס פון אונזער לאַנד,
לויף דורך די נעמען פון אונזערע קדושים —
טאָמער, ח ל י ל ה , איז אויך דיין נאָמען צווישן זיי.
איך פאַרשעם זיך פאַר זיך אַליין און פאַרגיי זיך
אין שטילן געוויין,
אַז נישט דיין נאָמען, איז שוין גוט?
ס׳איז דאָך סיי־ווי מיין אייגן פלייש און בלוט.
נאָר ווי זאָגסטו, מיין קינד,
פאַר פרייהייט מוז מען געבן בלוט...
ביסטו זייער גערעכט, מיין קרוין, מיין אויג אין קאָפּ,
אויב עס איז אויף דיין גורל אויסגעפאַלן,
אויב ס׳איז אונז אַזוי באַשערט,
צו קעמפן קעגן שונא מיט ביקס און שווערד,
נישט אָנפאַלן, ח ל י ל ה , נאָר פאַרטיידיקן אונזער לאַנד.
געבענטשט זאָל זיין מיין קינד דיין חלוץ־שטאַרקע האַנט
און וואָס עס זאָל נישט זיין,
איך וועל שטאַרק זיין ווי דו, איך שווער!
און נישט פאַרגיסן קיין איין־איינציקע טרער.
שיק איך דיר מיין ברכה, קינד מיינס, גיי!
גיי אויפן וועג פון אַלע פרייהייטס־קעמפער,
פאַרשרייב אויך דיין נאָמען צווישן זיי...

פיר דורות

מיין זיידע ר׳ יצחק, אַ יחסן אַ גרויסער,
אַ ייד אַ בעל-צדקה, אַ למדן געווען;
דורך נעכט געלערנט הלכה און אגדה,
דעם תוך פונעם לעבן געזוכט צו פאַרשטיין.
אין עולמות עליונים ער פלעגט זיך פאַרטראַגן,
שעה׳ן לאַנג פלעגט ער אַזוי זיצן פאַרקלערט:
די תנאים הלל ושמאי וואָס זאָגן?
געטראַכט און געחקירה׳ט, געקנייטשט טיף דעם שטערן:
אפשר אַזוי? און טאָמער פאַרקערט?
געגלויבט אין דער תורה ווי גאָט האָט געבאָטן,
געוואַרט אויף משיח׳ן: עס וועט קומען דער נס!
געהאַנדלט, געוואַנדלט מיט סוחרים, מיט שררות,
פאַראָמען געגרוזעט פון מאָהליווער דניעסטער
צו זוואַניצער ברעגן און אַזש קיין אָדעס...

מיין טאַטע, אַ למדן, אַ נגיד׳ס אַ זון,
אין בית-המדרש געלערנט ביז חתונה-יאָר;
אַ סוחר געוואָרן, געפאָרן קיין ווין,
קאָנטראַקטן געשלאָסן אַ יעדן ניי-יאָר,
געווען דער פירער, דער בורר פון שטעטל;
פאַר אַלעמען אָפן געווען איז זיין הויז,
געפאָרן צום „אַלטן" זכרונו לברכה,
געווען דער גבאי אין טשערנאָבילער קלויז,
געפירט גרוים געשעפט, פעלדער און וועלדער;
„ס׳תניא׳לע" שטענדיק געווען ביי זיין זייט,
אין „עולם כמנהגו" גאַנץ אָפט פאַר׳גנב׳עט אַ קוק דאָרט,
געטראַכט און געצווייפלט: ס׳איז עפעס נישט גלאַט...

מיר אין דער פרעמד איז באַשערט געווען וואָגלען:
אַ פיאָנערין פון יידישן ישוב געווען,

אין קאָלומבוסעס מדינה בין אָנגעקומען,
די גאָלדענע גליקן אין שוויץ־שאַפּ געזען;
געלייענט די „צוקונפט״, „פרייע אַרבעטער שטימע״,
ראָזענפעלד׳ס לידער דעקלאַמירט אויפן קול,
דעבאַטן געפירט מיט טאַטע־מאַמע די פרומע,
צעשפּרייט איבער ים׳ען דאָס אַש פון אַמאָל.
אין יוניאָן געוואָרן אַ רעדנער־פירער,
אין אָרעמקייט שטענדיק — ווער דאַרף עס דען געלט?
געוועקט און גערופן דעם אַרבעטער ברודער,
געלעבט און געחלומ׳ט פון אַ שענערער וועלט.

מיין זון אַ שטאָלצער זיין ירושה געטראָגן,
דעם חלום פון דורות ווייטער געוועבט;
גאָר יונג אין תל־אביב׳ער גימנאַזיע געלערנט,
אַ פּיאָנער געווען, אויף די וועגן געלעבט.

פאַרענדיקט אַ ים־שולע אין פּענסילוועניע־סטייט,
אַ יידישער קאַפּיטאַן געגרייט זיך צו זיין:
מיר האָבן שוין „טיילאָר׳ס״, איצט דאַרפן מיר „סיילאָר׳ס״ —
אין חיפה דער האַפן וועט אונזערער זיין.

איבערזעצט ים־טערמינען פון „מאַרין״־שפּראַך
אויף דער הייליקער שפּראַך פון נביאים אַמאָל;
נאַוויגאַציע געלערנט די יידישע יוגנט,
אין אייגענעם לאַנד, אין ארץ ישראל.

מיין זיידע דער פרומער האָט געוואַרט אויף משיחן:
ער וועט קומען צו רייטן אויף אַ שניי־ווייסן פערד,
מיין טאַטע אַ צווייפלער, איך אַ בעל חלום —
רעאַליזירן דעם חלום מיין זון איז באַשערט.

גוט מאָרגן

גוט מאָרגן ליכטיקע וועלט,
נעם צו מיין האַרציקע ברכה;
גוט מאָרגן אייך אַלעמען,
ליבע מענטשלעכע משפחה...

גוט מאָרגן צו אַלץ
וואָס האַלט אין ווערן;
גוט מאָרגן דיר הימל,
פרימאָרגן זילבערנע שטערן.

גוט מאָרגן יעדן גרעזל,
יעדן בלימל,
יעדער חיה אין איר צעלט;
גוט מאָרגן דיר זועלט...

גוט יאָר דיר עליזה.

לידער פון מדינת ישראל, תשי״ג

פאַראַן

פֿאַראַן אַזאַ פֿרייד, אַזאַ ברויזענדע פֿרייד,
וואָס פֿילט אָן דיין האַרץ מיט בענקענדן פּיין;
פֿאַראַן אַזאַ שווייגן, נאָך טיפֿער פֿון רייד,
וואָס שוימט אַזש אַריבער, ווי אין בעכער דער וויין.

פֿאַראַן אַזאַ בענקשאַפֿט, וואָס געפֿינט נישט קיין אָרט,
זוכט עפּעס־וואָס און ווייסט נישט דעם נאָמען;
פֿאַראַן אַזאַ וואָרט, אַזאַ איינזאַם שטום וואָרט,
וואָס וויינט אויף דיין ליפּ און זינגט אויף דיין גומען.

פֿאַראַן אַזאַ צער, ווי אַ יום־טוב'דיק קלייד,
צער דער ברודער פֿון אומעט;
נעענטער איז מיר מיין צער ווי מיין פֿרייד,
כ'טראָג שטענדיק אין האַרצן אַרומעט.

נצחון

אויף אַ ריזן־פעלז נצחון
וואַקסן קליינעביימעלעך,
קומען יידן מיט בטחון
בויען זייערע היימעלעך.

אויפגעשטעלט אַ בנין
מיט אַ רויטן דאַך,
וועלן הייזעלעך אַ מנין
באַלד שטיין אויף דער וואַך...

הענט ווי דורך כישוף
וועלן אַקערן און זייען,
וועט אַ נייער ישוב
ווי דורך נס אויפגיין.

יום העצמאות

טראַקטאָרס זינגען אויף די פעלדער,
יידיש היימלאַנד, אונזער טרוים.
ביימער גרינען אין די וועלדער,
פרוכטן רייפן אויפן בוים.

ווייץ און קאָרן פולע זאַנגען,
גאָלדיק־יונגע זון ווי ניי;
ס׳איז אַ לעבן אויפגעגאַנגען,
אויפגעגאַנגען פול און פריי.

פערד און אייזל אין די שטאַלן,
אויף די לאָנקעס — שאָף און רינד;
צוגעפאַלענע צו קוואַלן —
שטילן זיי דעם דורשט אַצינד.

שטאָל־פאַבריקן גיסן אייזן,
פונקען שפּרינגען פייער־פלאַם;
עס וועט זיין זיך צו באַווייזן
מיט אונזערע שיפן אויפן ים.

ליגן קינדער אין די וויגן —
צערטלט זיי אַ מאַמעס האַנט
און פאַרוויגט זיי מיטן ניגון:
זיי געבענטשט מיין אייגן לאַנד.

תל אביב, תשי״ג

מיין גאָרטן

כ'האָב מיין קליינעם גאָרטן
צעאַקערט און פאַרזייט,
ליגן שוין די בייטן
יום־טוב'דיק צעשפּרייט.

שפּראָצט אַרויס אַ בליעכץ,
באַבלעטערט גרינער קרויט,
אויף די שטענגעלעך הענגען
טאָמאַטן ראָזע־רויט.

אוגערקעלעך קליינע,
פריש יעדן אינדערפרי,
דאָס באַצאָלט מיר מאַמע־ערד,
פאַר מיין זאָרג און מי.

***

גרינע שפּראָצונג אויף די ביימער,
ליבער פרילינג קומט שוין אָן,
פייגל זינגען פרום אַ זמר
ביי דעם אויפגאַנג פון דער זון.

נויגט דער הימל זיך אַרונטער,
בלייכט דער מאָרגן אין זיין געצעלט,
זון גייט־אויף אין גאָלדיק־צונטער
און באַצויבערט מענטש און וועלט.

חבלי לידה

געקומען בין איך צו דיר פון גלות-לאַנד,
געוואָלט פאַר מיין נשמה אַ ביסל רו געפינען;
אונטער שוואַרצן האָריזאָנט איך זע:
שוין ברעכט זיך דער בלוילעכער באַגינען.

מיט פאַרכאַפּטן אָטעם שטיי איך אַ שטילע,
אויף מיינע ליפּן — אַ האַרציקע תּפילה:
פאַר דער שטאָלצער פּאַלמע און טענענבוים,
פאַר דער רויטער רויז און מדבר-בלום,
פאַר דעם פאַרב-געמישטן באַרג און טאָל,
פאַר דעם צויבער-פּלאַטער פון דעם אַמאָל...

מיין האַרץ איז פול מיט פרייד,
ווי די צייטיקע צבר-פרוכט מיט זאַפט,
עס ליגט דער ים המלח, דער סבלן-זקן פאַרגאַפט,
די לבנה שפּאַצירט אַנטקעגן אונזער מזל'דיקן שטערן —
אין געבורט-ווייען אַ פאָלק האַלט ביים ווערן.

תל אביב, תשי״ב

פרילינג...

גרינע צויבער-ביימעלעך,
צויבער-גרינע פראַכט,
ס׳האָט דער פרילינג יונגינקער
היינט פלוצים אויפגעוואַכט.

זינגען גרעזעלעך אינעם פעלד,
עס צערטלט זיי דער ווינט,
מאַכט פאַרגאַפט די אייגלעך אויף
אַ ניי-געבוירן קינד.

קומען פייגל פון דער ווייטן,
ברענגען מיט אַ גרוס,
דרימלען בלומען אין די בייטן
ביי דעם טאָג׳ס צופוס.

שטייט די וועלט אַן אָפּענע,
פאַר׳כשופ׳ט אין איר פראַכט,
ס׳האָט דער פרילינג יונגינקער
היינט פלוצים אויפגעוואַכט...

חמשה עשר בשבט

לויט רחלען

פלאַנץ אַביימל דאָרט מיין שוועסטער
מיט דיין צאַרטער, ליבער האַנט,
נישט באַשערט געווען מיר שוועסטער
זיך באַהעפטן מיט מיין לאַנד.

נישט איך האָב דיין פעלד צעאַקערט,
נישט פאַרזייט אַ מינדסטע פלאַנץ ;
כ'האָב מיט ליבע נישט געפלאַקערט,
נישט גערעדלט זיך אין טאַנץ . . .

נישט איך בין אין שפּאַן געגאַנגען,
נישט אין אַקער זייט־ביי־זייט ;
נאָר ס'האָט דיין חלום מיך געפאַנגען,
כ'האָב דיך באַגריסט אַמאָל פון ווייט.

פריי איך זיך איצט, שוועסטער מיינע,
און באַהעפט זיך היינט מיט דיר ;
נעם צו מיין אָרעמע מתנה —
פלאַנץ אַ ביימל דאָרט פאַר מיר.

ווילדע בלימלעך

ס'וואַקסן ווילדע בלימלעך
אין אַ טיפֿן טאָל,
פֿיאָלעטאָווע און בלויענקע
פֿאַרביק אָן אַ צאָל.

ס'קוקט אויף זיי קיין מענטשלעך אויג,
עס צערטלט זיי קיין האַנט,
טוליען זיי זיך שטילינקע
מיט עלנטקייט ביינאַנד.

מיין בלימל

ביי מיין פענצטער אין אַ בייט,
בליט אַ בלימל אַ פּאָר וואָכן;
איז אַ ווינטל אָנגעקומען
און אַ צווייגל אָפּגעבראָכן.

וויינט דאָס בלימל,
גיסט מיט טרערן,
אויף דעם מזל,
אויף דעם שווערן...

טרייסט איך בלימל,
האָב נישט קיין פּאַראיבל,
ס׳איז דיין שטאָם
דאָך גאַנץ פאַרבליבן.

פּלוצים אין אַן אינדערפרי,
כ׳האָב דערזען אַ פרישן בלי...

מדינת ישראל

אַ וואַנדער־פאָלק, אַ וואונדער־פאָלק, זענען מיר געווען.
אין יעדער שטאָט, אין יעדן לאַנד, שטענדיק נאָר אַליין.
וואו געטאָגט דאָרט נישט געגעכטיקט,
איבעראַל געווען פאַרדעכטיקט,
צוויי טויזנט יאָר אַרומגעוואָגלט,
מיט שנאה האָט אויף אונז געהאָגלט.
דער גרויסער נס איז געשען!
אַן ערלעך פאָלק, אַ ביבל־פאָלק, קען נישט אונטערגיין.

פון אַלע טייכן, פון אַלע ים׳ען,
פון אַלע שליאַכן, פון אַלע שטראָמען,
פון אַלע זייטן, פון אַלע וועגן,
קומט פרייהייטס קינדער אונז אַנטקעגן.
אַ וואַנדער־פאָלק, אַ וואונדער־פאָלק,
זיך אַליין באַפרייט;
אַן ערלעך פאָלק, אַ ביבל־פאָלק,
ווערט צוריק באַנייט.

שטייט אויף איר קדושים, פון אייערע קברים,
איר זייט געגאַנגען על קדוש השם, מיט גלויבן און מוט,
באַצייט אייערע טויטע ביינער מיט פלייש און בלוט.
זינגט אַ געזאַנג צו גאָט, אַ לויב־געזאַנג צו גאָרער וועלט,
משיח איז געקומען, משיח איז געקומען.

אַלע וועלדער, אַלע פעלדער, אַלע חיות, אַלע פייגל,
הימל, ערד, לבנה און שטערן,
זינגט אַ געזאַנג אַז גאָט זאָל דערהערן,
זינגט מיט אונז צוזאַמען, זינגט מיט אונז צוזאַמען.

תל־אביב, תשי״ג

אָן אַ גואל, אָן אַ פירער,
אַ פאָלק פון קעמפער און מאַרטירער,
האָבן לעבנס פריי געגעבן,
אַז אונזער פאָלק זאָל ווייטער לעבן,
געבענטשט איז זייער נאָמען,
געבענטשט איז זייער נאָמען.
אַ וואַנדער־פאָלק, אַ וואונדער־פאָלק,
אַהיים איז אָנגעקומען.

אַ וואַנדער־פאָלק, אַ וואונדער־פאָלק,
אַהיים איז אָנגעקומען!

מאַמע יידיש

צו דער דערעפענונג פון דער יידיש־קאַטעדרע
ביים אוניווערזיטעט אין ירושלים, געדרוקט
אין „לעצטע נייעס״, תל־אביב, תשי״ג.

עפנט די טויערן פון בית־המקדש ברייט,
מאַכט אַ וואַרע, שפּילט אַ וויוואַט, די מאַמע גייט.
זי טראָגט מיט זיך זעק און פּעק פון גלות שווערן
דעם יידישן קרעכץ, באַזוימט מיט הייסע טרערן:
זי קומט אַ פריידיקע אַצינדער,
ברענגט אַ גרוס פון אירע פאַר׳יתומ׳טע קינדער.
זי דערציילט:
אין מיינע אויסגעבענקטע נעכט, אויסגעמאַטערט, מיד,
האָב איך דיך אויסגעפורעמט, מיין עלנט יידיש ליד.
מיט מיינע מוטערלעכע הענט דיך געצערטלט, געגלעט,
פאַר דיין מידן קאָפּ מיט קישנס וויסן פוך אויסגעבעט,
דיך געהאַלטן נאָענט צום האַרצן, אין נעכט די שטילע
דיך געטראָגן אויף מיין ליפּ ווי אַ האַרציקע תפילה,
ווען אייגענע האָבן פון דיר געלאַכט, געשפּעט,
פון דיר חוזק געמאַכט און באַרעדט,
האָב איך וואָרט מיט וואָרט געפּאָרט —
אַ זיווג כשר־ריין,
אַלץ געהאָפט אויפן נס, וואָס וועט געשען.
אַזוי האָב איך געוואָגלט פון אָרט צו אָרט,
מיט דיר מיין ערלעך יידיש וואָרט.

און ווען האָסט געברענט אויף שייטערהויפנס,
אין בייזן, פינצטערן שטורעם,

לעבן שמות הייליקע פון אונזערע אַלטע ספרים,
האָסטו ווי אין מדבר דער דאָרן:
געברענט און געברענט, און נישט פאַרברענט געוואָרן.

ס׳קונמט די צעבראָכענע מאַמע אַצינדער,
זי קומט צו אירע אייגענע קינדער.
טאָ עפנט די טויערן פון בית-המקדש ברייט!
מאַכט אַ וואַרע, שפּילט אַ וויוואַט —
מאַמע יידיש גייט!

שוועסטער

איך בין מיט אייך געגאַנגען
אויף אַ וועג אַ שווערן,
באַזוימט מיט אידעאַלן
און מיט הייסע טרערן.

אין אַ צייט וואָס בלוטיקט,
אין אַ וועלט צעשטערט,
אייער וואָרט צו טראָגן
איז מיר געווען באַשערט.

כ׳האָב אייך אָפּגעגעבן
לידער מיין פאַרמעג,
אייך געטרייסט, דערמוטיקט
אין די שווערסטע טעג.

איצט שפּיגל איך זיך
אין אייערע געזיכטער;
איר זענט מיינע שוועסטער,
איך בין אייער דיכטער.

אונזערע שליחות

שוין גרינען דאָרט פעלדער, אויף באַרג און אין טאָל,
אין נעצן פון זילבערנע טויען.
איר ברענגט אונז די בשורה, שליחות פון ישראל,
פון אונזערע פּיאָנערן־פרויען.

ס׳זענען אונזערע שוועסטער, מיט גלויבן און מוט
געגאַנגען געפאַרן אַנטקעגן,
געזעטיקט די ערד מיט אייגענעם בלוט —
די קינדער דעם לאַנד אָפּגעגעבן.

די האַנט וואָס געצערטלט האָט גרעזל אין פעלד,
אַ ביקס אויף די שולטער געטראָגן,
געבענטשט זאָלן זיין די הערלעכע הענט,
זייער חלק מיט פרייד צוגעטראָגן.

און קומען מיר שוועסטער געשטאַרקטע אַנטקעגן,
מיר גייען, מיר קומען, זייט וויסן!
מיר טראָגן מיט ליבשאַפט, דעם עול אויף די וועגן,
דעם זכות מיט אייך שותפות צו שליסן.

געזאַנג פון קינדערשע שיכעלעך

עס וועלן קינדער אין מעברות,
אין אָרעמע געצעלטן,
אָנטאָן נייע שיכעלעך
צו בויען פרייע וועלטן...

שיכעלעך און זעקעלעך,
ציכטיק־ריינע קליידעלעך,
היטעלעך און רעקעלעך
פאַר יינגעלעך און מיידעלעך...

קינדער קליינע פיסעלעך
אין שפּילעוודיקן גאַנג,
פון מעברות וועט טראָגן זיך
אַ הערלעך שטיל געזאַנג...

דאָס פּשוט פֿאָלק

כ׳האָב ליב דאָס פֿאָלק,
דאָס פּשוט פֿאָלק,
כ׳בין מיט זיי אַלעמען גלייך,
כ׳בין אַ קינד פֿון פּשוטן פֿאָלק,
איך זינג זיין ליד,
ס׳איז מיין זיין שפּראַך.
אַזוי וועל איך מיין ליד אַלץ וועבן
לידער לויטער פֿרייד און פּיין,
מיין ליד אין פֿאָלק וועט ווייטער לעבן
ווען איך וועל מער שוין דאָ ניט זיין.

שלאָף ליד

שלאָף, שלאָף, שלאָף און רו,
מאַך דיינע כשר׳ע אייגעלעך צו.

שטיל ציט די נאַכט, איך זיץ און איך קלער,
דיין טאַטע מיין קינד, ער איז אַ שומר.
ער איז באַלאָדן מיט ביקס און מיט שווערד,
פאַר אונזער לאַנד קעמפן איז אים באַשערט.

דער זייגער שלאָגט דריי, עס בלויט דער פרימאָרגן,
פול איז זיין טאָג מיט מי און מיט זאָרגן,
דיין טאַטע מיין קינד, ער ווייסט ניט פון שרעק,
ער איז אין נגב צו קעמפן אַוועק.

שלאָף, שלאָף, שלאָף און רו,
מאַך דיינע כשר׳ע אייגעלעך צו.

וועסט אויסוואַקסן שטאַרק, וועסט זיין אַ חלוץ,
וועסט אַקערן — זייען אַ נייעם קיבוץ,
זאַמל אָן כוחות, מוזט רוען אַצינד,
שלאָפֿזשע שוין שלאָף, מיין טייער קינד.

איך קוק דורכן פענצטער, עס איז שוין גאַנץ שפּעט,
גאָט ווייסט וואָס דער טאָג האַלט פאַר אונז גרייט,
איך הער שטילע טריט, אפשר קומט ער אַהער?
ניין! ס׳איז אַ חלום, אַ חלום ניט מער...

שלאָף, שלאָף, שלאָף און רו,
מאַך דיינע כשר׳ע אייגעלעך צו.

תל אביב, תשי״ד

שטילע טריט

איך גיי מיין גאַנג, מיט שטילע טריט,
און קיין פראַגעס נישט איך פרעג;
אַזוי איך וועב מיין פּשוט ליד,
אויף מיין שמאָלן לעבנס-וועג.

איך גלויב אין מענטש, אין ערלעך וואָרט,
איך וועל אַזוי מיין וועלט דורכגיין;
כאָטש גייענדיק פאַלט דאָ און דאָרט,
אויף מיין קאָפּ גאַנץ אָפט — אַ שטיין...

יום־טוב

כ׳טראָג אייביקן יום-טוב אין האַרצן,
דורך גרויע, פיינלעכע טעג.
ווי גרוי און שווער ס׳פאַלט מיין לעבן,
דעם יום-טוב אין האַרצן איך פלעג...

און עגבערט אַ צווייפל דעם מוח:
שוים איז דאָס לעבן בלויז — שוים?
איך היט אָפּ מיין יום-טוב אין האַרצן,
פון בענקשאַפט, כ׳וועב ווייטער מיין טרוים.

צו...

נישט אין דיין קלייד,
אין זיין פֿאַלד,
ליגט דיין טרויער.

נישט אין דיין תּפֿילה,
אין דיין שווייגן,
ליגט דיין צער.

נישט אין דיין וואָרט,
אַרום דיין ליפּ,
קנייטשט זיך בענקשאַפֿט.

נישט אין דיין טרער,
אין דיין בליק,
ליגט דיין פּיין —
פֿאַרגליווערטער פּיין.

רחל דער דיכטערין

צו דיין יאָרצייט קום איך,
רחל שוועסטער,
מיט מיין פשוט יידיש־ליד.
צו גיך, צו גיך
האָט דיין לעבן אָפּגעבליט.
האָסט דיינע יונגע טעג,
דיינע אויסגעבענקטע נעכט
מיט אונזער חלום פֿאַרוועבט
און ס׳איז דיין לעבן און טויט
אַ סאָנאַטאַ געווען.

מיט דיינע קראַנקע לונגען
די זומפּן־לופט געטרונקען,
צו שטילן דיין דורשט
און געשטאַנען אויף דער וואַך,
ביז אַ דין שנירל רויטע קרעלן
האָט זיך פון דיין מויל געצויגן,
אויף אייביק געשלאָסן דיינע אויגן.

רחל! האָפענונג און גלויבן,
אויף שטאָק־פינצטערע וועגן אונזערע
האָסטו פאַרזייט ליכטיקע קערנער,
געאַקערט און געזייט, רחל,
אָבער נישט געשניטן.

זאָל היינט דיין זילבערנער נאָמען
קלינגען אין שניטערס געזאַנג
ליכטיק און העל,
אין יעדן סערפּן־קלאַנג —
רחל... רחל...

כ׳ווייס...

כ׳וויים,
וואו דו זאָלסט נישט זיין,
טראָגסטו מיט זיך דורות׳דיקן פּיין...
אין דער היימישער ניו־יאָרק,
פֿאַרוואָרפֿן אין אַ ווינקל, מידוועסט,
אין הייסער אַריזאָנאַ,
אין גאָלדיקער קאַליפֿאָרניע,
וואו דו זאָלסט נישט זיין,
צי אין יונגן פרילינג,
אויף ליכטיקע וועגן אויסגעשפּרייטע,
צי אין רייפֿן האַרבסט,
מיט גרינע פעלדער פאַרזייטע,
צי אין ווינטערדיקע נעכט,
אין ווייטע זילבער־שנייען —
וואו דו זאָלסט נישט זיין,
קענסט נישט אַנטלויפֿן
פון דורות׳דיקן פּיין.

אַ ברודער דערקענט

דעם אָנדענק פון חיים קרול

איך טרינק דיין פּערז —
איז עס ווײַן — איז עס ווײַן.
לייען איך דיך, ווי אַ יידיש-קינד לייענט קריאת שמע
פאַרן שלאָפן גיין,
מיט דיין ליד אויף מיין ליפּ כ׳דרעמל איין...
אין מיינע אומרואיקע נעכט, לייען איך דיך
ביז העט, העט אין דער נאַכט,
ביז אַ מידע, ס׳פאַלט דיין בוך מיר פון האַנט,
ביים ראַנד פון בעט.

אין בלויליכן פרימאָרגן,
ווען איך מאַך נאָר אויף די אויגן,
באַגרים איך דיך מיט אַ שמייכל:
גוט מאָרגן, צאַרטער, פאַרבענקטער פּאָעט!
מיט ליבע לייען איך ווידער דיין ליד
און פריי זיך מיט דער שפע פון דיינע הענט.
ביזט מיין אייגן פלייש און בלוט,
כ׳האָב אין דיר אַ ברודער דערקענט.
אַ ברודער דערקענט.

נתן פאַרשרייב

צו דעם געבוירנטאָג פון חשובן
דיכטער, יעקב גלאַטשטיין

כ׳האָב אויפגעמאַכט מיין פענצטער
און אַ פריידיקע אויסגערופן:
גוט מאָרגן דיר, וועלט!
ס׳איז היינט דער געבוירנטאָג
פון חשובן יידישן דיכטער,
יעקב גלאַטשטיין.
און וועלט האָט געענטפערט:
גוט מאָרגן, גוט יאָר,
זאָל ער זיין מיט אייך
אויף לאַנגע, גליקלעכע
שעפערישע יאָר.

יעקב גלאַטשטיין,
דער אַריסטאָקראַט,
הדרת פנים,
זיינע ווערק, קערנדיק וואָגיק,
געמיש, געפיל מיט לאָגיק.
איז וויזשע האַלטן מיר?
אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט,
קערנדיק וואָגיק,
איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי וואָג און מאָס?
יאָ, ס׳איז פאַראַן...
זיין יאוש איז געפאָרן,
און יאוש איז געקומען,
אויף דורות אַ פאַרבלייב.
נתן, פאַרשרייב...

יעקב גלאַטשטיין,
דער פּרעכטיקער פּובליציסט,
עסייאיסט, קריטיקער,
גאָט־געבענטשטער פּאָעט.
ער באַשיינט און באַקרוינט
אונזער יידיש לשון.
ער איז דער אָנשפּאַר
פון יונגע שרייבער
און דיכטער.
ער איז אונזער רבי,
מיר זיינע תלמידים.
ער קוקט ניט אויף אונז
פון אויבן אַראָפּ,
זיין גורל אַ שטאָלצער, ער טראָגט
אַ זילבערנע קרוין אויפן קאָפּ.
איז וויזשע האַלטן מיר?
אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט אָנשפּאַר
איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אָנשפּאַר?
יאָ ס׳איז פאַראַן...
ער פירט אונזער טיש
אַ דיכטער מיט פאַרנעם.
זיין שפּראַך, זאַפטיק־פריש,
זיין אויג שאַרף,
זיין האַרץ אַ האַרף,
דער בראַצלאַווער,
זיין שיר־השירים,
אויף דורות אַ פאַרבלייב,
נתן, פאַרשרייב!

אומעט

מיין פרייד איך טייל מיט אייך אַלע,
מיין צער איז מיין אייגענם נאָר בלויז;
באַפאַלט מיך דער אומעט אַ שווערער,
פאַרשלים איך די טיר פון מיין הויז.

און בלייב איך מיט אומעט פאַרשלאָסן,
בין איך שוין מער נישט אַליין;
איך מיט מיין לייבלעכן ברודער,
מיר קענען זיךביידע פאַרשטיין.

מיר זיינען ווי עלנטע בעטלער,
וואָס לעבן אין שטענדיקער נויט;
אומעט מיין לעבנס באַגלייטער —
מיין טעגלעכער ביסן ברויט.

מיינע קינדער

אין מיין גאָרטן וואַקסן בלימלעך,
בלימלעך מלא־חן,
אַזוי וואַקסן מיינע קינדער
וואונדערלעך און שיין.

שטייען ביימער אין מיין גאָרטן,
רייפע פרוכט אויף זיי,
מיינע טעכטער קיין עין־הרע
שיינע טעכטער צוויי.

שטייען פּאַלמען הויכע, שטאָלצע,
זינגען פייגל פריי,
וואַקסן מיינע זין גיבורים
העלדן מיינע דריי.

חברה טילי מאָגיל

חברה,
געטרייע טאָכטער,
פון דיין פאָלק,
דו איינע פון אונזערע ערשטע,
אונזערע אַן אַמעריקאַנער חלוצה.
דיכטערין אונזערע!
האָסט אויסגעוועבט דאָס שענסטע ליד,
פון אַלע לידער...
(אונזער אַרבעט איז ליד, אונזער אַרבעט איז געזאַנג)
דו האָסט געטראָגן די בשורה
פון אַ זונען־אויפגאַנג...
וועסטו שטענדיק פלאַטערן צווישן די פערזן,
פון אונזער אויסגעבענקטן ליד...
דיין נשמה וועט לויכטן צווישן די שורות
פון אונזער היסטאָרישן ווערק —
„אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן"
מיט ליבע וועלן מיר טראָגן דיין נאָמען,
פריש אין אונזער זכרון...

ד ע ר פ אַ ר . . .

כ'האָב אַמאָל
אין אַ פֿאַר'כשופֿ'טן ברונען,
אַ חלום געפֿונען,
אַ חלום געפֿונען.
האָב איך, אויף לבֿנה'דיקע שטריק,
געשעפּט עמערס מיט גליק
און געגאָסן אין ברונען צוריק,
זאָגן מיר אַלע: ס'איז נישט אַזוי קלוג,
דערפֿאַר —
רופֿן מענטשן מיך נאַר...

כ'האָב אַמאָל,
אויף גינגאָלדענע טרעפּ,
מיט געבויגענעם קאָפּ
און פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּ,
די בענקשאַפֿט געפֿונען,
די בענקשאַפֿט געפֿונען,
האָב איך מיין חלום
מיט בענקשאַפֿט פֿאַרשפּונען,
זאָגן מיר אַלע:
ס'האָט נישט קיין זינען,
דערפֿאַר —
רופֿן מענטשן מיך נאַר...

כ'האָב אַמאָל,
אין אַ פֿרילינג פֿאַרנאַכט,
אין בלוילעכער פּראַכט,
מיין האַרץ אַ מתּנה
אַלס קרבן געבראַכט,

טראָג איך פֿאַרבאָרגענעם צער
אויף מיין פּנים,
זאָגן מיר קלוגע,
אַזוי טוען נאַראָנים.
דערפֿאַר —
רופֿן מענטשן מיך נאַר...

ב ק ש ה

איך בעט ביי דיר, אַלמעכטיקער,
מיין בקשה זאָלסט דערהערן,
נאָך מיין טויט איך בעט דיך בורא
זאָל איך בלויז אַ גרעזל ווערן.
עס זאָל אַ מענטש אַ שטיל-פֿאַרליבטער,
מיט זיין בליק מיך צערטלען, גלעטן.
— כ'וועל אין שמייכל מיינע אויגן שליסן
און מער קיין זאַך ביי דיר נישט בעטן.

אַ בלום

הימלען ווייט־פאַרשפרייטע,
פעלדער טיף־פאַרקלערטע;
בלומען האַלב־פאַרשעמטע,
יעדער טרוים — אַ בלום.

אויגן ווייט־פאַרטראַכטע,
ליפּן בלאַס־פאַרשמאַכטע;
הערצער טיף־פאַרבענקטע,
וואָגלען שטיל אַרום.

און אַ בוים

ניט שטורעם, ניט רויש
דו אָסיען־בוים,
נעם אָן דיין גורל באהבה.
ס׳פּאַטשן ווינטן, זאַווערוכעס?
בויג אָן דיין מידן קאָפּ,
שוויג ווען דיר ווילט זיך שרייען,
לאַך ווען דיר ווילט זיך וויינען,
און זאָלן לייטן מיינען.
לערן זיך ביי מיר,
ר ע ז י ג נ י ר .

קינדערלעך מיינע

קינדערלעך מיינע,
ליבענקע קינדער!
איך ווייס:
איר לאַכט פון מיינע לידער
און גראַמען.
און איך ווייס,
די צייט וועט אייך לערנען
דאָס לעבן פאַרשטיין,
איר וועט דעמאָלט
פאַרשטיין אייער מאַמען.
צי וועל איך מיט אייך זיין,
צי אפשר גאַנץ ווייט,
פון אייך, פון דאַנען —
וועט איר לייענען מיין ליד,
פאַרגיסן אַ טרער,
וועט זיך פרייען דאָס האַרץ,
פון אַ מאַמען.

גאָט פון אברהם...

גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב,
פאַרנעם מיין שטיל געוויין,
פאַר דיין געטלעך אויג
איז קיין זאַך נישט פאַרהוילן.
הער, איך וויין דאָס געוויין
פון אַ מ אַ מ ע.

באַווייז אונז גאָט
דיינע גרויסע וואונדער,
באַשיץ אונזערע קינדער,
היט זיי אָפּ און בענטש —
זיי גייען פאַרן כבוד
פון מענטש...

אָה, גאָט דו אַלמעכטיקער,
עס בעט ביי דיר אַ יידישע טאָכטער:
באַשווער די כוואַליעס אויפן ים,
זיי זאָלן באַשיצן אונזערע קינדער
פון די מלאכי חבלה,
זיי זאָלן אונזערע שיפן נישט פאַרשלינגען,
געזונט זאָלסטו אונזערע קינדער
צוריק אַהיים ברענגען...

איך שטיי פאַר דיר מיט הכנעה, מיין האַר,
פאַרנעם מיין טיפן צער,
באַווייז אונז דיינע גרויסע וואונדער,
אויב מיר האָבן געזינדיקט, שטראָף אונז,
אָבער נישט אונזערע קינדער...

אַלמעכטיקער טאַטע,
אין דיין געטלעכער האַנט
ליגט דער שליסל פון שלום,
אַז די וואָך זאָל ברענגען פרידן
צו אַלע פעלקער פון דער וועלט,
מענטש זאָל מענטש דערקענען;
דיין געטלעך ליכט זאָל אויפגיין
אויף דער גאָרער וועלט —
א מ ן ו א מ ן ...

לידער מיט מוזיק

אויף דער שיף נעסאו

טראָגט די שיף אונז ווייטער,
ווייט אַוועק פון ברעג,
שטורעמט ים אַ בייזער,
וואַרפט אָן אויף מיר אַ שרעק.

קלאַפּט מיין האַרץ אַלץ שטאַרקער,
אַהיים מיר קומען אָן;
כ׳זע פון ווייטנס פלאַטערט
אונזער ווייס־בלויע פאָן.

רעפריין:
טונקל־בלויע כוואַליעס —
גרינער זילבער שוים;
מקוים איז געוואָרן
אונזער לעבנס־טרוים.

נאָר ניט פאַרגעסן, ברידער,
אַלץ וואָס ס׳איז געווען:
אין אונזער דור געטראָפן
דער נס — ער איז געשען!

לאָמיר ווייטער בויען
מיט געטרייער האַנט;
ליב איז אונז און טייער
אונזער אייגן לאַנד.

רעפריין:
טונקל־בלויע כוואַליעס —
גרינער זילבער שוים;
מקוים איז געוואָרן
אונזער לעבנס־טרוים.

לויט דער מעלאָדיע פון ליד „הנגב“
געשריבן אויף דער שיף, אלול, תשי״ב.

פישער ליד

א

פאָרט אַ פישער אויפן ים,
ער פאָרט אַרוים באַגינען,
ס'האָפט דער פישער מן הסתם,
פישעלעך געפינען.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
פישעלעך געפינען.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
פישעלעך געפינען.

ב

מורמלען כוואַליעס שטיל פאַר זיך,
דער ים איז אַ באַטריבטער,
צי איז דער ים אַזוי ווי איך,
אויכעט אַ פאַרליבטער.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
אויכעט אַ פאַרליבטער.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
אויכעט אַ פאַרליבטער.

ג

גיי איך מירביים ברעג ים אָט דאָ,
און טו מיין חלום שפינען,
אפשר וועל איך ערגעץ וואו,
מיין ליבסטן נאָך געפינען.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
מיין ליבסטן נאָך געפינען.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
מיין ליבסטן נאָך געפינען.

ד

קומט דער פישער טרויעריק,
ער האָט קיין פיש געפאַנגען,
און איך בין מרה־שחורה׳דיק,
אַ חלום איז פאַרגאַנגען.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
אַ חלום איז פאַרגאַנגען.
טראַ לאַ לאַ, לאַ לאַ לאַ לאַ,
אַ חלום איז פאַרגאַנגען.

מעלאָדיע פון ע. ג.
רעקאָרדירט פון דיאַנאַ בלומענפעלד

שיפן גייען אויפן ים

מיין זון הערבערט אַ מתנה

א

צי איך מיינע זעגלען אָן,
אויף אונזער שיף דער נייער,
אַז פלאַטערן זאָל ווײַס־בלוי פּאָן,
אַ שטאָלצע און אַ פרייע.
שיפן גייען אויפן ים:
בין איך דאָך דער קאַפּיטאַן,
פיר איך אונזער אַרבעט אָן,
אויף אַ וועג אַ נייעם.

ב

פירן וועל איך שיפן ווייט
דורך גרעסטן שטורעם:
פון מזרח און פון מערב זייט,
ביז צפון און ביז דרום.
שיפן גייען אויפן ים;
בין איך דאָך דער קאַפּיטאַן,
פיר איך אונזער אַרבעט אָן,
אויף אַ וועג אַ נייעם.

ג

ס׳זענען מיינע אָרעמס שטאַרק,
שטאַרקער נאָך ווי אייזן,
וועלן מיר דער גאַנצער וועלט,
אַ נייעם וועג באַווייזן.

מוזיק פון משה ליפשיץ

רעקאָרדירט פון דיאַנאַ בלומענפעלד

דו, דו...

א

כ׳גיי אַרום ביים ברעג פון ים,
און זוך דיך אַלץ אַרום,
אַ שטילע כוואַליע מורמלט קוים,
דער צויבער פון דיין שטים,
דו, דו...
פון אַלע צאַרטע בלומען, דו, דו, דו, דו, דו,
פון אַלע מיינע טרוימען, דו, דו, דו, דו.

ב

שפּרייטן זיך די הימלען אויס
העט גאַנץ ווייט אַוועק,
קומט אַ ווינטעלע צוגיין,
און קלאַפּט אָפּ ביים ברעג,
דו, דו...
פון אַלע צאַרטע בלומען, דו, דו, דו, דו, דו,
פון אַלע מיינע טרוימען, דו, דו, דו, דו.

ג

סוד׳ן זיך די ווינטלעך שטיל,
מיט געטלעכן געזאַנג,
און אין האַרצן טיף ביי מיר,
פלאַטערט אַ פאַרלאַנג, דו, דו...
פון אַלע צאַרטע בלומען, דו, דו, דו, דו, דו,
פון אַלע מיינע טרוימען, דו, דו, דו, דו.

ד

נעמט מיין בענקשאַפט ווינטלעך אויף,
און טראָגט אַוועק אַ גרוס,
זאָגט אים אַז איך בענק אַזוי,
כ׳גיי פון בענקשאַפט אוים, דו, דו.
פון אַלע צאַרטע בלומען, דו, דו, דו, דו,
פון אַלע מיינע טרוימען, דו, דו, דו, דו.

לויט דער מעלאָדיע פון „כן כן"

געווען אַמאָל אַ שטעטעלע

(מיין שטעטעלע אַזאַרעניץ)

געווען אַמאָל אַ שטעטעלע, אַ שטעטעלע געווען,
מיט גרין־באַזוימטע בערגעלעך מיט יידישלעכן חן.
איך געדענק מיין אָרעם חדר אין ווינטערדיקער רו,
מיר זיצן אַלע אַרום דעם טיש, ביז אין דער שפּעטער שעה.
דער רבי איינגעבויגן פון דעם שווערן יאָך,
מיר לערנען מיט גרוים חשק די פּרשה פון דער וואָך.
נאָכן לערנען פריילעכע אין זאַווערוכעס שנייען,
מיט לאַמטערן אין די הענט בייניאַכט פון חדר גייען.
מיט קינדערשע קעלעכלעך מיר זינגען הויך צוזאַמען:
עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו
ועל כל ישראל ואמרו אמן.
איך האָב געהאַט אַ שטעטעלע, אַז ווי איז מיר און ווינד.
די שרה'לעך און שלומה'לעך, וואו זענען זיי אַצינד?
אַ ווייס געדעקטער גרויסער טיש אין שבת'דיקער ליכט,
מיין באָבע שיינע־ריוועלע מיט אַ פרום געזיכט.
מיין גוטע טאַטע מאַמע, מיין טייערע משפּחה,
מיין פעטער ברוך־חאַזקעלע, מיין מומע מרים־ברכה.
דער טאַטע און דער פעטער זאָגן שלום עליכם,
וואַשן מיט פרומקייט זיך די הענט און זאָגן שאו־ידיכם.
די מאַמע אַן אויסגעפּוצטע, אין שבת'דיקן קלייד,
דערלאַנגט צום טיש דאָס עסן מיט האַרצעדיקער פרייד.
געענדיקט שוין דעם מאָלצייט און בענטשן מיר צוזאַמען,
מיר זאָגן מיט התלהבות ברוך הוא ברוך שמו אמן.
איך האָב געהאַט אַ שטעטעלע, אַז ווי איז מיר און ווינד,
מיין טייער יידיש שטעטעלע וואו ביזטו אַצינד.

מוזיק פון משה ליפשיץ

רעקאָרדירט פון דיאַנאַ בלומענפעלד

וויג־ליד

רחל ינאית אַ מתנה

אויף אַ ווייס און ציכטיק בעטעלע,
געצערטלט פון אַ ליבער האַנט,
לייג אַוועק מיין קינד דיין קעפּעלע,
ביזט אין אייגן פרייען לאַנד.

די פאַרוויינטע מידע אייגעלעך,
טייער קינד מיינס, מאַך שוין צו,
אַ גוטער מלאך אויף ווייסע פליגעלעך
ברענגען וועט דיר פרייד און רו.

ווי די ברידער די חלוצים
וועסטו אויסוואַקסן אַ העלד,
און פון יושר און גערעכטיקייט
דו וועסט בויען אַ נייע וועלט.

דיין וועג געווען פון צער און טרערן,
האָסט געוואָגלט גלות־ייד.
פון דיין וואַנדערן דעם שווערן
כ׳וויים מיין קינד אַז דו ביזט מיד.

ווי אַ מאַמעלע אָן אייגענע,
וואַכן וועל איך איבער דיר.
שלאָף שוין, שלאָף מיין זיס פייגעלע,
שלאָף שוין, מיר זאָל זיין פאַר דיר.

מוזיק פון משה ליפשיץ
רעקאָרדירט פון דיאַנאַ בלומענפעלד

אַ בוים קען דערציילן

אַ בוים קען דערציילן,
דערציילן אַ סך.
אָבער נאָר דער דיכטער
פֿאַרשטייט זיין שפּראַך.

דערציילט מיר דער בוים
וואָס דאָ איז געווען,
וואָס דאָ האָט געטראָפֿן,
דאָ איז געשען.

צוויי יונגע פֿאַרליבטע
אַ גליקלעכע פּאָר,
געוועבט האָבן אַ חלום,
אַ חלום אויף וואָר.

געטראָפֿן האָט פּלוצים
ווי אין לעבן פּאַסירט,
ער האָט מיט אַ צווייטער
אַ ליבע פֿאַרפֿירט.

וואָס איז געווען
און וואָס איז געשען?
וואָגלט דער חלום
אין עלנט אַליין.

שאָקלט דער בוים
אַזוי קלוג מיטן קאָפּ.
עס פֿאַלן האַרבסטיקע
בלעטער אַראָפּ.

אַ בוים קען דערציילן, דערציילן אַ סך,
נאָר דער דיכטער פֿאַרשטייען קען זיין שפּראַך.

ח ב י ב ה

אין נגב אין אַביידעלע, וואוינט דאָרטן אַ מיידעלע,
שיין איז זי ווי די גאַנצע וועלט.
איר נאָמען איז חביבה'לע, בויט זי אַ שטיבעלע,
פון ליבע וועבט זי איר געצעלט.

רעפריין:
חביבה, חביבה, חביבה'לע,
צי ווייסטו אַז איך האָב דיך אַזוי ליב?
חביבה, חביבה, חביבה'לע,
וואַכן וועל איך שטענדיק ביי דיין שטוב.

בלויע אייגעלעך אַ פּאָר, גאָלדיק-ברוין זענען דיינע האָר,
חביבה, דו ביסט מיין זון און שיין,
אַ קיעלע, אַ ציגעלע, אַ בעטעלע אַ וויגעלע,
און גליקלעך וועלן מיר ביידע זיין.

רעפריין:
חביבה, חביבה, חביבה'לע,
צי ווייסטו אַז איך האָב דיך אַזוי ליב?
חביבה, חביבה, חביבה'לע,
וואַכן וועל איך שטענדיק ביי דיין שטוב.

אַ בלימעלע, אַ פעלדעלע, אַ ביימעלע, אַ וועלדעלע,
פלאַנצן וועלן מיר ברויט און וויין,
דאָס לעבן וועט זיין וואונדערלעך,
מיר'ן האָבן אַ טוצן קינדערלעך,
דו וועסט אייביק מיין פּרינצעסין זיין.

חביבה, חביבה, חביבה'לע,
צי ווייסטו אַז איך האָב דיך אַזוי ליב?
חביבה, חביבה, חביבה'לע,
וואַכן וועל איך שטענדיק ביי דיין שטוב.

מוזיק פון אייב עלשטיין

די זון איז פאַרגאַנגען ...

די זון איז פאַרגאַנגען אין גליענדן פּיין,
די מאַמעס זיי וויגן די קינדערלעך איין:
שלאָפעניו-שלאָף, אַי ליו ליו ליו,
דיין טאַטע ער איז אין ד׳רהיים מער ניטאָ,
אויף אונז איז אַן אומגליק, אויף וועלט איז אַ קריג,
דיין טאַטע איז אַוועק, אונז ברענגען דעם זיג.
גאָט זאָל אים ברענגען צוריק.

די מאַמעס געבויגן איינזאַם און מיד,
זיי זינגען פון בענקשאַפט אַ טרויעריק ליד,
לאַנג ציט דער טאָג און שווער איז די שעה,
זונעלע שלאָף, זונעלע רו, אַי ליו ליו ליו.

דיין טאַטע מיין קינד איז איבער ים׳ן אַוועק,
דיין טאַטע איז אַ שטאַרקער, ער ווייסט ניט פון שרעק,
דיין טאַטע איז אַ זון פון אַ העלדישן פאָלק,
וואָס האָבן מיט בלוט פאַר פרייהייט באַצאָלט.
אַי ליו ליו ליו, שלאָפעניו שלאָף,
מיין קינד זאָלסט ניט וויסן
פון מלחמות די שטראָף.

פאַר דיר בלויז אַ חלום, פאַר דיין טאַטן אַ שווערד,
ער וועט אויסראָטן אַלץ וואָס איז שלעכט אויף ד׳רערד.
דיין טאַטע וועט בויען אַ זיכערע וועלט,
דו זאָלסט צו געפאַר ניט זיין אויסגעשטעלט.
שלאָפעניו שלאָף, אַי ליו ליו ליו,
מאַך דיינע כשר׳ע אייגעלעך צו ...

שטילער פײַן

קומען כוואַליעס צו דעם ברעג
און דערציילן, שטילער פײַן.
כוואַליעס ליבע בײַ אײַך איך פרעג
וואָס וועט מײַן צוקונפט זײַן?

צי וואַרט אויף מיר אַ יום־טובֿ נאָך
פֿול נשמה־פֿרייד,
צי איז אַ לעבן לויטער וואָך
פֿאַר מיר נאָר צוגעגרייט.

ענטפֿערן די כוואַליעס־בלוי,
איך קען זיי ניט פֿאַרשטיין.
כ׳שטויס מיך אָן, ס׳וועלן גרוי
שוין מײַנע טעג פֿאַרגיין.

מוזיק פֿון הענאך באָרענשטיין

אונזער פאַרבאַנד

מיטן פּנים צום מזרח,
צום אייגענעם לאַנד,
וואָס איז צו געפּאַר
אויסגעשטעלט —
חברים קומט וועבן
דאָס יידישע לעבן
און בויען אַ שענערע וועלט.

רעפריין:
אונזער פאַרבאַנד, אונזער פאַרבאַנד,
אַ האַרציקע ליבע משפּחה.
קומט אין די רייען פון אונזער פאַרבאַנד,
אין אחדות עס ליגט מזל-ברכה.

ס׳וועט אַקער און אייזן,
דעם וואונדער באַווייזן.
שוין הערט זיך דאָס ליד
פון יידישן פּויער.
מיר׳ן אַקערן, זייען,
ס׳וועלן פעלדער אויפגייען,
געבענטשט איז די האַנט
פונעם בויער.

רעפריין:
קומט אַקסל צו אַקסל
דעם מאָרגן אַנטקעגן,
אַרונטערגעוואָרפן
פון גלות דעם יאָך.
מיט ליד און געזאַנג
באַזוימען די וועגן
און שאַפן יום-טובים
פון פּשוטער וואָך.
רעפריין.

נאָכוואָרט

אַ דאַנק דעם באַוואוסטן קריטיקער (מיין רבין)
חבר יואל ענטין פאַר זיין האַרציקער באַציאונג.

דעם חשובֿן דיכטער ב. אַלקוויט פאַר זיינע קרי־
טישע באַמערקונגען, צוגרייטנדיק דאָס בוך צום
דרוק.

מיינע טייערע חברים און פריינט ש. באַנטשעק
און נ. כאַנין פאַר דערמוטיקן מיך אַרויסצוגעבן
מיינע לידער.

עליזה גרינבלאַט

אינהאַלט

לבנה איז יונג ווי פאַראַיאָרן

צײַט	11
באַנײַאונג	12
פרילינג	13
אַ פויגל רופט	14
מײַן פענצטער	15
ווי פאַראַיאָרן	16
צוויי גלעזער	17
מײַנע פיר ווענט	18
ניט לייכט דער וועג	19
קלינג־קלאַנג	20
מענטש, דײַן אויער...	21
האַרבסטיקע נאַכט	22
ווער וועט אונדז זינגען	23
אַ פוסבענקל	24
וועלט דאַרף האָבן אַ מאַמע	25
יידיש	26
נאָך מײַן אבידה	27
שטימונגען	28
„באַ!"...	29
פייער און שניי	30
נאַכט	32
ענריקאַ גליצענשטיין	33
מאָטיוו	34
אַלע	35
מײַן באַגלייטער	36
ס'טרעפט	37
זינג אַ זינג	38
אַ הײַזל אַ שייבל	39
אין סי־גנעיט	40
לערן מיך גאָט	43

שטילע תפילות

כאור הבוקר 44
אל תשליכנו 47
וועלט איז אליין 48
מענטש און בוים 49
אין שפיטאל 50
טראכט א בערגל 51
שטייט א בוים 52
ערב פרילינג 53
און דו 54
לעצטע בלום 55
דער אנהייב 56
אמאל איז געווען 57
מיין ליבער 58
דורך אייגענעם צער 59
וואס איז א נאמען 60
הארבסט מאטיוו 61
מאמע 62
ברענט דער הימל 63
מיין שיף 64
געטער און הארבסט־בלעטער 65
א בריוו צום זון 68
פיר דורות 70
גוטמארגן 72

לידער פון מדינת ישראל, תשי״ג

פאראן 75
נצחון 76
יום העצמאות 77
מיין גארטן 78
חבלי לידה 79
פרילינג 80
חמשה עשר בשבט 81
ווילדע בלימלעך 82
מיין בלימל 83
מדינת ישראל 84
מאמע יידיש 86

שוועסטער 88
אונזערע שליחות 89
געזאַנג פון קינדערשע שיכעלעך................ 90
דאָס פשוט פאָלק................................. 91
שלאָף־ליד 92
שטילע טריט 93
יום־טוב 93
צו... 94
רחל דער דיכטערין............................... 95
כ'וויים... 96
אַ ברודער דערקענט............................... 97
נתן פאַרשרייב 98
אומעט 100
מיינע קינדער 101
חברה טילי מאָגיל................................ 102
דערפאַר... 103
בקשה 104
אַ בלום 105
און אַ בוים....................................... 105
קינדער מיינע 106
גאָט פון אברהם.................................. 107

לידער מיט מוזיק

אויף דער שיף נאסאו............................ 111
פישער־ליד 112
שיפן גייען אויפן ים.............................. 114
דו, דו... 116
געווען אמאָל אַ שטעטעלע......................... 117
וויג־ליד 118
אַ בוים קען דערציילן............................. 119
חביבה 120
די זון איז פאַרגאַנגען............................ 121
שטילע פיין....................................... 122
אונדזער פאַרבאַנד 123

ביכער פון עליזה גרינבלאַט

לעבן מיינס, לידער, 1935

צען לידער מיט מוזיק, 1939

איך זינג, קינדער־לידער, 1947

איך און דו, לידער, 1951

אין סי־גנעיט ביים ים, לידער, 1957